פאַר דעם נאָר אַליין, פאַר אַזאַ מין כוח,
פאַר אַזאַ מין דראַנג —
איך בייג זיך אָן, ניו־יאָרק, צו דיין אויער
און זאָג אַ דאַנק.

עלאַ זילבערג

## דאס ענד פון יאר

דער יאָר זיך געענדיקט,
דער זומער—אַוועק,
די נעכט ווערן לענגער
און קורצער די טעג.
דער הימל ווערט טונקלער,
די זון—קוים זי שיינט,
די וואָלקענס אַלץ שוואַרצער,
דער ווינט ברומט און וויינט.

די בלומען פאַרוועלקען,
וויסט בלייבט דאָס פעלד,
די בוימער פאַראומערט,
די בלעטער פאַרגעלט.

אַוועק איז דער זומער,
אַוועק אויך דאָס יאָר,
פון זיי נישט געבליבן
קיין זכר, קיין שפור.

און וואָכן און וואָכן
וועלן ווידער פאַרגיין,
ביז דער הימל וועט לייכטן
מיט זיין זוניקן שיין.
נאָר כל־זמן ס׳איז דאָ האָפנונג,
וואָס אַרט אונז די צייט ?
אַ רגע פון נחת
ברענגט אָפט אייביקייט !

אויף דער יוו״א־קאָמיטעט זיצונג אין הויז פון ד״ר אהרן שטיינבערג איז אַרומגערעדט געוואָרן די קריטישע לאַגע פון ייוו״א אין לאָנדאָן. ס׳איז אָנגענומען געוואָרן בהסכם כולם, אַז דער ייוו״אָ אין לאָנדאָן מוז אָנגיין מיט זיין וויכטיקער טעטיקייט.

ד״ר יעקב מייטליס איז אויף אַ באַזוך אין פּאַריז, וואו ער וועט האַלטן אַ רעפעראַט אין שרייבער־קלוב: „אַלט־יידישע פרויען ליטעראַטור״.

דער הסתדרות־פירער י. קאָרן ועפינט זיך איצט אין לאָנדאָן. ער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט ביי „דער לעבעדיקער צייטונג״ איבערן אַראַבישן פּראָבלעם אין ישראל. דעם פאָרזיץ האָט געפירט יעקב הלוי. יצחק נאַטאַני האָט זיך מיטבאַטייליקט אין אָוונט.

אין די לעצטע איניקע וואָכן ביי די שבת־נאָכמיטאָגס האָבן זיך באַטייליקט מיט לייענען שלום־עליכמען, פּרצן און אַנדערע נעט רובין און אייזיק גאָלדבערג; מיט רעדעס סעם לעף — עלאַ זילבערג; מיט זינגען פאָלקס־לידער מאיר באַגאַדאַנסקי.

דאָס באַקאַנטע אַקטיאָרן פּאָרל, סעם גאָלדבערג און עלען ווינאַגראַד צוריקקומענדיק פון אַ טורנעע, האָבן דערציילט פון זייערע איינדרוקן און געזונגען פאָלקס־לידער ביי די שבת־נאָכמיטאָגס און זער וואַרעם אויפגענומען ביים עולם.

ליפּע הארענשטיין, דער זינגער פון ישראל, איז אויפגעטראָטן אין וויגמאָר־האָל מיט יידישע פאָלקס־לידער. דער גרויסער עולם אין זאַאל האָט אים שטאַרק אפּלאָדירט.

281


דרייסיגסטער יאָרגאַנג פון אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן״

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 445) | דרייסיגסטער יאָר | יאַנואַר 1969, לאָנדאָן.


א י נ ה אַ ל ט :


| | | |
|---|---|---|
| אַ וואָרט צום 30סטן יאָרגאַנג פון „לשון און לעבן״, אַ ווייטשעפּל־ליד, צום יאָר 1969 | | 3 |
| ניי־יאָר (ליד) | שמואל ווהייט | 8 |
| משה עובדס צוועלף זילבערנע יידעלעך | ש. טענענבוים | 8 |
| איינס און איינס (ליד) | יוסף לעפּטוויטש | 10 |
| שמאַלצאַוויקעס (דערציילונג) | יוסף ד. באַסט | 11 |
| פּאַרוויאַנעטע בלעטער (ליד) | עלא זילבערג | 14 |
| רפאל מאַזין (פון סעריע „ווייטשעפּלער טיפּן״) | י. ח. בענקוויטש | 14 |
| אָוונטיקע שעה (ליד) | דוד אַפּאָלאָוו | 17 |
| אַראָפּ פונם יאָריד . . . אויפן בראָכשטול פון צייטן (פּראָזע און פּאָעזיע) | א. נ. שטענצל | 17 |
| „ליב האָבן ישראל״ | אייזיק גאָלדבערג | 20 |
| ירושלים (ליד) | עלזע לאַסקער־שילער | 31 |


## יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 העַנריקעס סטריט, א.1. 3 אַזייגער)

שבת, דער 25סטן יאַנואַר, סעם לעף: די פּאָליטישע לאַגע אַצינד אין דער וועלט.

שבת, דעם 1־טן פעברואַר, „שבת־שירה פּראָגראַם״ — מאיר באַגדאַנסקי וועט זינגען פאָלקסלידער און אייזיק גאָלדבערג וועט פאָרלייענען.

שבת, דעם 8טן פעברואַר, יעקב ריכטיגער: חמשה־עשר בשבט אין דער יידישער אגדה. נעט רובין וועט רעציטירן; מאַדאַם נאַדלער וועט זינגען ישראל־לידער.


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

אין לאָקאַל פון יידישן אַרבעטער־רינג האָט די בונדישע גרופּע אין לאָנדאָן געפייערט דאָס 71סטע יאָר פון בונד. אַרויסגעטרעטן מיט באַגריסונגען זענען די חברים: שיע בירנבוים, אייזיק גאָלדבערג, משה רעגן און סעם לעף, וואָס האָט געפירט דעם פאָרזיץ. מנשה ווייסגראַז האָט פאָרגעלייענט אַ קאַפּיטאַל פון י. י. טרונקס „פּוילן" און מאיר באַגדאַנסקי האָט רעציטירט און געזונגען אַרבעטער־לידער.

דער יידיש־העברעאישער שרייבער משה ווילענסקי איז געשטאָרבן — חבל על דאבדין.

אין בן־אורי איז געווען אַ קאָקטייל־מסיבה מיט רעדעס און באַגריסונגען לכבוד דעם נייעם פּרעזידענט פונם פאַריין, מאַדאַם בלאָנד. דער זאַאַל איז געווען אָנגעפּילט מיט לאָנדאָנער יידישע מאָלער און אינטעלעקטואַלן. גערעדט האָבן די באַקאַנטע לאָנדאָנער מאָלער, אַרטשיבאַלד ציגלער און סירל ראָס און דער פאָרזיצער, אַלעקסאַנדער מרגליות.

דער נאָמען ראָטשילד איז צו עפּעס מחייב. איז טאַקע דער ראש־המשפּחה, מיט אַלע זיינע נאָענטע, אַראָפּגעקומען קיין ווייטשעפּל, אין דער סינאַגאָגע אין אַדלער סטריט, צו פּראַווען די בר־מצוה פון זיין יונגסטן זון. ס'איז אויך צו דער שמחה אַראָפּגעקומען הרב ד״ר ברוידע, דער געוועזענער טשיף־רבי.

פאַרן לאָנדאָנער פּאָפּולערן כלל און קולטור־טוער, ד״ר ישראל פעלדמאַן, וועלכער איז אַצינד געוואָרן אַ בן־שמונים, איז אין דער אַדלער־האַל סינאַגאָגע געגעבן געוואָרן אַ קידוש. אַ גרויסער עולם איז געקומען באַגריסן דעם בעל־היובל. פריינט פון יידיש־לשון באַטייליקן זיך אין דער שמחה און ווינטשן: אַ סך פּראָדוקטיווע יאָרן עד מאה ועשרים.

הרב ד״ר ישראל ברוידע איז צום נייעם יאָר געאַדלט געוואָרן פון דער קעניגין און באַקומען דעם טיטל סיר.

פאַרגאַנגענעם חודש איז אין דער „איוונינג ניוס" געווען אַ גרויס אַרטיקל איבער דער „חברים־טרופּע" פון גרענד פּאַלעי טעאַטער. דער שרייבער האָט זער באַוואונדערט דאָס יידישלעך־אייגנאַרטיקע שפּילן פון די אַקטיאָרן און די געלונגענע קאָמעדיעס פון האַרי אַריעל.

דער סעקרעטאַר פון „לשון און לעבן", נ. רובין, איז איבערגעפאָרן געוואָרן פון אַן אויטאָ. רובין איז שוין בשלום אַרויס פון שפּיטאָל און עס גייט אים בעסער. מיר ווינטשן אים אַ רפואה־שלימה.

ביים מוזיקאַלישן אָוונט לכבוד חנוכה אין אַדלער־האַל האָט דער באַקאַנטער זינגער מאַרטין לאָרענס גאָר שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע יידישע פאָלקסלידער.

דער פאָרזיצער פון פּועלי־ציון, ווייטשעפּל־גרופּע, מר. קופּער, האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע. מיר ווינטשן אים אַ רפואה־שלימה.

# לשון און לעבן

**חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור**

נומער 1 (העפט 445) דרייסיקסטע יאָר, יאַנואַר 1969, לאָנדאָן

## אַ וואָרט צום 30־סטן יאָרגאַנג פון „לשון און לעבן"

דאָס ערשטע „העפטל" איז דערשינען אין דער ערשטער וואָך ווען ווייטשעפּל איז געבאָמבט געוואָרן; אין די „בליץ"־טעג — אַלע דריי יידישע צייטונגען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די עלעקטרישע מאָטאָרן אַרבעטן נישט און די מאַשינען זענען צעשיידיקט. — דאָס „העפטל" איז באַשטאַנען פון אַכט זייטלעך מלחמה־לידער, אין יענע טעג געשריבן. און אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען כמעט וואָך נאָך וואָך — אין איין טאָג זענען די „העפטלעך" צעכאַפּט געוואָרן ווי פרישע בייגל פון יידיש־לייענענדיקע, וואָס זענען דעמלט אין די טויזנטער „געלעגן אין די ווייטשעפּל מלחמה־„שעלטערס" — אין איין „שעלטער", אין דער „טילבורי", זענען געווען צען טויזנט יידן.

חדשים שפּעטער זענען אויך צוגעקומען די עסייען „יידיש" און דאָס „העפטל" איז שוין אַ זעכצן זייטיקס.

נאָך אין די מלחמה־יאָרן זענען די „העפטלעך" געוואָרן דער זשורנאַל פון אַלע לאָנדאָנער יידישע פען־מענטשן (זיי זענען דעמלט געווען איבער צוויי מנינים!) און אויך פון סאָוויעט־רוסלאַנד איז צוגעשיקט געוואָרן מאַטעריאַל פון די פּליטים־פּאָעטן און אויך אַ טייל פון די דאָרטיקע. אויך פון ארץ־ישראל האָבן יידישע שרייבער און פּאָעטן צוגעשיקט זייערע כתב־ידן.

נאָך דער מלחמה (אין קריגס־צייט איז נישט דערלויבט געווען צו גרינדן נייע פאַרלאַגן און זשורנאַלן, און יעדעס „העפטל" האָט געמוזט קריגן אַ פּריש־צוגעבאַקענעם נייעם נאָמען . . . ) האָט דער זשורנאַל באַקומען זיין „ויקרא שמו בישראל: „לשון און לעבן". ער איז געווען אין קריג דער איינציקער אין גאַנץ אייראָפּע.

און „לשון און לעבן" איז געווען דער ערשטער זשורנאַל, וואָס איז אָנגעקומען אין די פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך, און אַסך פּאָעטן געראַטעוועטע האָבן צוגעשיקט זייערע זאַכן. אין יאָר 1946, ווען יידישע שרייבער פון פּוילן זענען דאָ געווען אויף אַ קאָנגרעס, האָבן זיי מיטבאַקומען די מעשענע מאַטריצן־אותיות פון דער זאַץ מאַשין אין דער נאַראָד פּרעס, אויף וועלכער מען האָט אויסגעזעצט „לשון און לעבן" צום דרוקן.

אַרום זשורנאַל „לשון און לעבן" האָט זיך דעמלט פאָרמירט אַ קאָמיטעט אונטערן נאָמען „פריינט פון יידיש־לשון", וואָס איז אָנגעגאַנגען מיט אַקטיוו־

יידישן קולטור־לעבן נישט נאָר אין ווייטשעפּל, אין סטאַמפּאָרד־היל, אין פינטשלי; געהאַט אַ בראַנטש מיט אַן אייגענעם קאָמיטעט אין דער וועסט־ענד אין בערנער־סטריט.

און דער קאָמיטעט איז געווען אַ קאָמיטעט ווי אַלע קאָמיטעטן אין ק״ק לאָנדאָן, מיט פאַרזיצערס און פרעזידענטן און סעקרעטאַרן, מיט זיצונגען און „מיניטס״ און מיט נאָטיצן און אנאָנסן אין צייטונגען — הכל שריר וקים!

ביז די מכה פון שילומים־געלדער האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט — צוגעכאַפּט! — צו יידישער קולטור־אַרבעט, און דער קאָמיטעט, נאָך שאַרפע זיצונגען אָן פרעזידענט און אָן „מיניטס״ האָט איינשטימיק באַשלאָסן פון די „גוטמאַכונג־געלדער״ נישט נהנה צו זיין; ס׳איז אסור בהנאה, בפרט פאַר קולטור־צוועקן.

אויף אַ „באַנקעט״, אַזוי האָבן מיר גערופן די פּאָפּולערע קולטור־אָוונטן יעדן דינסטאָג ביי אַ חבריש גלעזל טיי, וואו דער גרויסער אַדלער האָל זאַאל איז פול באַזעצט געווען — „פריינט פון יידיש־לשון״ פלעגן אפילו איינאָרדנען פאָלקסטימליכע טאַנץ־אָוונטן מוצאי־שמחת־תורה און חנוכה און יידישלעכע מאַסקן־בעלער אין פורים (און די „בעלער״ זענען געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז פון דעם בילעטן־פאַרקויף האָבן די יום־טוב נומערן פון זשורנאַל געקאָנט זיין כמעט טאָפּלט דיקער) — אויף איינעם אַזאַ אָוונט קומט צו מיר צו דער פאָרזיצער פון שרייבער־פאַריין, א. מ. קייזער, ע״ה, און זאָגט מיר: אויב מיר זאָגן זיך אָפּ פון די שילומים־געלדער פאַר קולטור־אַרבעט, וועט דער שרייבער־פאַריין זיך פאַרייניקן מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס און אָנגיין מיט קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס.

האָט זיך געקאָכט אַ פּאָר חדשים אויף דער יידישער גאַס אין ווייטשעפּל (דעמלט נאָך געווען אַ שטיקל יידיש גאַס דאָ . . . ) אין שטערן־האָטעל מיט יידיש־סעקציעס, מיט וועלט־קאָנגרעס, מיט שרייבער־פאַריין ביז ס׳האָט זיך אויסגעקאָכט ווי אין טעפּל ביי שלום־עליכמס יידינע.

איז פון גאַנצן „צימעס״ געבליבן „די לעבעדיקע צייטונג״ אין דער וועסט־ענד, אין בערנער סטריט (וואָסנישט אַלעמאָל איז זי לעבעדיק . . . ), וואָס דער קאָנגרעס און דער שרייבער־פאַריין אָרדנען נאָך איין אין אַ זונטאָג יעדן חודש (נישט דווקא בדיוק . . .). און מיר דאָ זשיפּען נאָך מיט די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס אין הענריקעס־סטריט, אין ווייטשעפּל, און מיטן זשורנאַל „לשון און לעבן״ יעדן חודש, מיטן געטריי־געבליבענעם אַדמיניסטראַטיוון סעקרעטאַר, דעם רעציטאַטאָר און האַראַפּאַשניק, נעט רובין.

יאָ, יעדן חודש, אויב דער רעדאַקטאָר־קאָלפּאָרטירער איז „מיט אַלעמען״, אַז נישט, פאַרציט זיך עס אין צווייטן חודש אַריין — און זאָל נישט אויסגערעדט זיין וואָס ס׳האָט זיך שוין געטראָפן און ס׳זאָל זיך ווייטער נישט טרעפן — אין דריטן חודש.

און זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז דעם זשורנאַל צעכאַפּט מען נישט מער איצט ווי אַמאָל די „העפּטלעך״ אין טילבורי־שעלטער.



די פּועלי־ציון האָבן געפּרואווט מיט אַ צייט צוריק אויך מאַכן אַ שטיקל עסק מיטן „לעבעדיקן יידישן וואָרט״, אָבער עס „צאָלט״ זיך נישט מער, אַפּנים, און די „ביזנעס״ האָבן זיך געשלאָסן.

בכלל גלויבט זיך נישט קיין סך די אַלע מאַכערס, וואָס דערקלערן לעצטנס „עפּנטלעך״ זייער ליבע צו יייִדיש, ווארום אויב ס׳וואָלט געווען באמת וואָלט עס דאָ גאַנץ אַנדערש אויסגעזען.

די שפחה־יידיש איז טאָקע אַ ווייבלעך וועזן, אַ פּרויענצימער, און וועלכע פרוי האָט דאָס נישט ליב צו הערן ליבע־דערקלערונגען? אָבער לאַנג אָפּנאַרן לאָזט זי זיך נישט, ווייל זי קען זיך אויס אויף אַ טשאַד, ווארום זי איז דאָך אַ שפחה, וואָס שטייט תמיד ביים טשאַדעדיקן פּריפּעטשיק . . .

„אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל,
און אין שטוב איז הייס — — ״

* * *

און איצט אַ תפילה, „שגיון דוד״ — איך בעט מוחל צו זיין די פיל פעלערן אין די לעצטע חדשים. יאָ, און אפשר איז עס שוין בכלל יענע לאָגע פון „כשם שמקבלים שכר על הדרישה כך מקבלים שכר על הפרישה״.

אָבער ווער רעדט דען פון שכר, אַז די אַרבעט איז בכלל נישט לשם שכר (לקבל פרס), נישט צו באַצאָלט צו ווערן מיט אַלע קורחס אוצרות . . .

און וואָס זענען שוין די שווערסטע מי און ביטערסטע זאָרג און בשוגג און במזיד שטערונגען קעגן דער הנאה, ווען איין ליד נאָר געלינגט און ערשט, אַז דער חי נושא את עצמו איז נאָך זוכה צו זען די ליכטיקע וועלט.

## א ווייטשעפּל-ליד

1

אַכציק ער און איבער זיבעציק זי,
זי פון פינסק, ער — אַן עכטער אָדעסער;
זי אַ „פּעליק־הענט״ שוין צו זעכצן, און ער
אַ קאָטער, אַ מאַשינער און אַ פּרעסער.

שוין דער זיידע אין דער אַלטער היים
געווען איז אַ שניידער בן שניידער;
ער צו זיבן שוין אַ לערניינגל,
קוים שיטל עברי געלערנט אין חדר,

פון פּאָגראָם זיך אַהערגעראַטעוועט דאָ,
שער־און איזן, טאָ וואָס קאָן שוין זיין בעסער?
זייער זון אָבער, דער יורש פון ביידע,
אין לאָנדאָן־האָספּיטאל שוין אַ פּראָפעסאָר.

מיט טאַטנס שאַרפער שער שנײדט ער
און פאַרנײט מיט דער מאַמעס נאָדל ;
נאָר פון שײטל עברי קוים אַ שפּאַן"
געירשנט האָט דער „סוירדזשען" הגדול.

2

מיט אײנגעפעדעמטער נאדל אין לאץ,
אונזערע שנײדערס אהערגעקומען ;
אויב זײערע קינדס-קינדער אצינד נאך
לעבן און זײנען נישט גאנץ פארקומען,

ווען דער פאדים שוין באלד אויסגעגאנגען ! —
ווײל מיטן זעלביקן שפּיץ פון נאדל,
אויף טויזנט און איין דף, אין גאַנצן ש"ס,
געפינט זיך נאָך אויס דאָ אַ גדול.

דורך נאדל-לעכל אין הימל אריין,
מיר ציען זיך ווײטער, ווי געצויגן —
נאדל אויף פליטע תלמיד־חכם בליק,
אויף וועם ס'רוען געשפּיצט זײנע אויגן,

„ואתם הדבקים כלכם היום",
אזוי בלײבן מיר אײביק באהאפטן,
ווי רויט דער הוט השני זאל נישט זײן —
א „שותי" ווײס־זײדן אויסגעהאפטן.

3

אַז וואָס איז דען אַלץ דאָ וואָס געשריבן,
מינדסט לידל אין די „לשון און לעבן"־העפטן ?
לאַטע אויף לאַטע אײגן בגדל בלײבט,
כאַטש צונויפגעדזשאבעט מיט אָרעמסטע קרעפטן.

נאָדל שוין אײנגעפעדעמט מאָריס ווינטשעווסקי,
און ווער נישט דאָ דעם קלײ פון לײב געצויגן ?
פון מאָריס ראָזענפעלד ביז אברהם וויעוויאָרקע,
אויסגעטריפט לעצטע טרערן מיט בלינדע אויגן.

אַז אַזויפיל דאָס שטיקל ערד דאָ געטרעטן,
מיט זײערע זינגענדיקע, ריטמישע שפּאנען —
עס פעלן פינגער אויס אַלע אויסצוצײלן,
איז ווען יאָ און ווען נישט דערמאָנען ?



און דאָס נעדעלע טײלמאָל וואָס איך שטעך,
נישט שווינענדיק מקטן ועד גדול,
איז דאָך קודם טיף אין מײן האַרץ געשטאָכן,
צו דערשפּירן דעם שאַרפן שפּיץ פון דער נאָדל.

## צום יאר 1969

1

די טיפסטע תהומות דערגרינטעווען,
דערפליען העכסטע אין־סופיקע הײכן,
אין ערגעץ נישט מיר ווען אָנקומען,
אויב די ליבשאַפט צום נאָנטן נישט דערגרײכן.

אָן דעם באחרית־הימים חלום,
וואָס איז דער מענטש ? צו אַ שלאַנג פאַרגליכן —
אַלע זײנע שפּרוכן גיפט־סיקנדיק,
צוויי־צינגלדיק פון גלאַט־קעפּיקע פליכן.

אָן גוטסקײט, אָן שלום טיף אין האַרצן,
זיך אויסצוקוילען אַלץ וואָס מיר דערפינדן,
אַז קײן זכר פון מענטש נישט איבערבלײבט,
פון פּנים פון דער ערד גאַנץ צו פאַרשווינדן.

2

גאָט, אַז דער כרית־ברית טראָט צום שלום
דורך בין־הבתרים פון אַזויפיל טויטע,
דורך אַזויפיל ימים בלוט געגאַנגען,
און אַ ישראל־פאָן אַזאַ ווײס צעבלויטע —

זאָל זי דאָך פלאַטערן הויך אין הימל,
מלאך הגואל־טלית איבער קינדער !
מיר זײנען דאָך אַלע דײנע, גאָט,
דאָס שוואַכינקע שעפעלע און דער שינדער.

שיק דאָך פרידן אין מענטשלעכן געמיט,
וועט דאָך נישט זײן מער קײן מערדער, קײן שענדער ;
שיק דאָך שלום אין די פעלקער־הערצער,
וועט דאָך שלום שוין זײן אין אַלע לענדער.

---

מערקט אײך די נײע אדרעס פון „לשון און לעבן":
גרײטארעקס־הויז, 7, גרײטארעקס סטריט, א.1.

שמואל ווהייט

## ניי יאָר

צייט האָט נאָך אַ מאָל
אַ יאָר אויסגעשפּיגן,
אונז באַרייכערט
אָדער גאָר פאַראָרימט;
נישט טראַכט אין דעם אַריין,
עס וועט דיר לייכטער נישט ווערן —
אַ יאָר איז פאַרגאַנגען:
קענסט דאָס זונליכט נישט פאַרהאַלטן
און אויך די פינסטערניש,
וואָס דרינגט אין דיין נשמה אַריין
נישט באַהאַלטן;

טעג, וואָכן, מאָנאַטן
שפּינען זיך צוזאַמען
מיט טאָג, מיט נאַכט —
אַ פאַרפּלאָנטערטע קנויל,
אין וועלכער דו ביסט אַריינגעדרייט —
— פאַרפּלאָנטערט —
אין דעם וואָס מ'רופט יאָר.

אַ ניי יאָר שטראָמט אַריין
מיט אויסגעשפּרייטע שפּינוועב־נעצן,
וואָס פאַרלאָקערן דיך,
דו, די שוואַכע פליג,
אויסגעזויגן צו ווערן
פון דעם לעבן.
יאָר ווערט צעאַקערט,
צעקנייטשט און פאַרשרימפּט דיך
אין דעם גאַנג, וואָס מ'רופט לעבן . . .

ש. טענענבוים

## משה עובדס צוועלף זילבערנע אידעלעך

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט געוויילט אין ניו־יאָרק דער באַרימטער לאָנדאָנער צירונג־הענדלער משה עובד. משה עובד, וואָס איז געווען אַ דיכטער, האָט פאַרקויפט צירונג צו דער ענגלישער קעניגין. זי פלעגט אָפט קומען אין זיין גרויסן יואוועליר־געשעפט, נעבן דעם בריטישן מוזעאום. ער פלעגט רעדן מיט דער קעניגין וועגן ציוניזם און וועגן דער ידישער ליטעראַטור. ער פלעגט אויך שרייבן קינדער־לידער און ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו הערן ווי אַזוי יידישע קינדערלעך רעדן און זינגען יידיש. ער אַליין האָט אויך אויסגעזען ווי אַן אַלט, גריין־גרוי קינד . . .

איינמאָל אין אַ טאָג האָט משה עובד געקויפט אַן אוצר מיט גאָלד און זילבער וואָס איז איבערגעבליבן אין אַן אַלטן שלאָס פון איינעם אַ פאַר־צייטישן שררה. איז אין דעם אוצר געווען נאָך אַ גרעסערער אוצר: אַ זיל־בערן אידעלע, אַ קליינס, אַ דינשטיקס, אַן אויסגעמגערטס און קוים וואָס עס האָט געזשיפּיעט. אָבער עס איז געווען אַזאַ שיין, מחיהדיק און זיס אידעלע, מיט אַ לאַנגער, זילבערנע באָרד.

משה עובד איז דאָס זילבערנע אידעלע שטאַרק געפעלן. עס האָט אגב אויסגעזען ווי ער אַליין. האָט ער באַשלאָסן דאָס דאָזיקע אידעלע צו לאָזן זיך פאַרמערן אין צאָל: ער האָט עס געלאָזט אָפּגיסן אין צוועלף נייע אידעלעך פון ריינעם זילבער.



משה עובד אַליין, אַזאַ קליינטשיק, חנעווודיק אידעלע, ווי פון תהילימל אַרויס מיט אַ שמייכלענדיק פּנימל ווי גאָלד, מיט גליענדיקע אייגעלעך, מיט קורצע, ווייכע הענטלעך, טראָגט אַרום זיינע צוועלף זילבערנע אידעלעך אין די קעשענעס פון זיין אַלטמאָדישן וועסטל. בשעת ער זיצט מיט אונדז אין „קאַפע ראָיאַל", צווישן שרייבערס און אַקטיאָרן, נעמט ער אַרויס די פּיטשינקע אידעלעך. ער שטעלט זיי אויס אויפן טיש אין אַ פּראָצעסיע. צוועלף זילבערנע אידעלעך, ווי די צוועלף שבטים, גייען אין אַן אייביקן היסטאָרישן מאַרש איבער דער וועלט. אַלע געסט אַרום זיצן פריילעכע און בגילופנדיקע. מען טרינקט וויין. מען רעדט וועגן אידן פון גאָר דער וועלט. משה עובד דערציילט שיינע מעשהלעך פון סער מאָזעס מאָנטע־פיאָרע. ווי אַזוי ער איז געפאָרן צום רוסישן צאַר אין אַ קאַרעטע דורך שניי און פראָסט, כדי אויסצולייזן זיינע אידישע ברידער און שוועסטער פון צרות און אומגליקן. און די צוועלף זילבערנע אידעלעך הויבן אָן צו לויכטן. זיי ווערן לוסטיק און שיכור צוזאַמען מיט אונדז, אידישע שריי־בערס פון ניו־יאָרק . . .

אָט זיצט ביים שכנותדיקן טישל אַ חנעווודיק אידיש כלה־מיידל. אירע אויגן זענען פאַרבענקט. איר פּנים דריקט אויס זאָרג און אומעט. משה עובד גייט צו צו איר. ער באַגריסט זי פריינטלעך און ער לאָזט שטיין אויף איר טיש אַ זילבערן אידעלע. ער זאָגט צום פאַרזאָרגטן מיידל:

— כלהשי־קרוין, נאַט אייך אַ אידעלע. זאָל עס אייך זיין צו רפואה. אייער חתן זאָל זיין אַן ערלעכער, פרומער איד. ער זאָל דאַווענען צו גאָט יעדן פרימאָרגן. ער זאָל זיך לאָזן וואַקסן אַ לאַנגע באָרד . . .

די כלה צעשמייכלט זיך. איר מוט ווערט געהויבן. זי דאַנקט דעם דיכטער . . .

ביי אַן אַנדערן טישל זיצט אַ אידישע פרוי וואָס עס איז קענטיק אַז זי שוואַנגערט. משה עובד שטרעקט אויס צו איר אַ אידעלע פון ריינעם זילבער:

— איידעלע פרוי־לעבן, נאַט אייך פאַר אַ מתנה אַ גאָטספאָרכטיק אידעלע. עס איז פון מיין פערזענלעכן שאַצקאַמער. עס האָט מיין גאָטזעליקן טאַטנס האַרץ און כאַראַקטער. איר זעט דאָך אַז עס איז ענלעך צו מיר. עס האָט אפילו אַ הויקערל אויך. עס וועט אייך תמיד באַשיצן פון שלעכטס. אייערע קינדער, פרוי־לעבן, זאָלן אויסוואַקסן גוטע און געטרייע אידן וואָס זאָלן דינען דעם וואָס לעבט אייביק מיט פאָרכטיקייט אין זייערע הערצער . . .

די פרוי צעשמייכלט זיך. זי איז גערירט פון משה עובדס אויפמערק־זאַמקייט צו איר . . .

און אָט זיצט ביי אַ טישל אַן עלטער אידישער שרייבער. ער שרייבט דערציילונגען. זיין האַנט ציטערט בשעת ער שרייבט זיינע ווערק שפּעט ביינאַכט. ער איז אַן אָרעמאַן אויך . . . משה עובד דערלאַנגט אים אַ קליין געשאַנקל — אַ זילבערן אידעלע מיט אַ הויקערל:

— זייט מוחל, טייערע קאָלעגע, נעמט אייך אַ איד פון מיין האַנט. זאָל ער אייך תמיד אָפּהיטן צו שרייבן ערלעך און געטריי צום פאָלק. איר זאָלט שטענדיק טראָגן מיט זיך, ווי אַ זעלטענע קמעה, דאָס פּיטשינקע אידעלע מיינס. עס וועט אייך מיטן אויבערשטנס הילף, באַשירעמען פון צו גיין אויף שלעכטע וועגן פונם שטן . . .

דער שרייבער דאַנקט זיין ברודער משה עובדן אַ שטאַרק גערירטער . . .

אַהיימגעקומען אַ מידער אין גרויען, שוין זשאַרנדיקן באַגינען פון דער ליטעראַרישער קאַפע, האָט שוין משה עובד געהאַט צעשאָנקען אַלע זיינע צוועלף אידעלעך. זיך אויסגעשלאָפן אַ קאַפּעטשקע, קלאַפּט ער פאַרנאַכטצו אַ דעפּעשע קיין לאָנדאָן תיכף צו לאָזן גיסן נייע צוועלף אידעלעך פון ריינעם זילבער. ער באַדאַרף האָבן מתנות פאַר אידישע שרייבערס, פאַר היימישע גוטע פריינט, פאַר אידישע כלות און אידישע קינדערלעך זיי זאָלן זיין באַשירעמט פון אַלעם שלעכטס. צו שרייבן קינדער־לידער אַליין איז נישט גענוג. מען באַדאַרף טיילן און שענקען אַ סך זילבערנע אידן. מען דאַרף ווינטשן אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל ווערן אַ גרויס פאָלק. אַז עס זאָל זיך מערן ווי די שטערן אין הימל און ווי דאָס זאַמד אויפן ברעג ים . . . גאָט האָט עס שוין פון לאַנג צוגעזאָגט צו אונדזער פאָטער יעקב אבינו.

איינמאָל האָט משה עובד מיר אויך געשאָנקען אַזאַ חנעוודיק אידעלע. איך האָב דאָס אָפּגעהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. איך האָב עס געקושט אויך. און דאָך איז געשען אַן אומגליק אַז איך האָב פאַרלוירן מיין האַרציק אידעלע. איך האָב שטאַרק באַדויערט דעם פאַרלוסט. איך האָב שוין דאָס זילבערנע אידעלע אויסגעזוכט אין אַלע ווינקלען פון מיין שטוב. איך גיי ממש אויס פון בענקשאַפט נאָך מיין ברודער־אידעלע. ווען משה עובד וואָלט נאָך געווען צווישן די לעבעדיקע, וואָלט ער מיר אוודאי גערן געשאָנקען אַן אַנדער אידעלע . . . צום באַדויערן איז ער צו פרי אַוועק פון דער וועלט. ווער ווייסט ווער עס האָט געפונען מיין קליינטשיק אידעלע און ער טראָגט אים אַרום ערגעץ־וואו איבער דער גאַנצער גרויסער וועלט . . .

יוסף לעפּטוויטש

## איינס און איינס

איך בין ניט קיין זשאָנגלער מיט ציפערן,
פינף און זיבן און ניין.
כ׳קען זיי ניט משדך זיין מיט זעראָס,
אַז ס׳זאָלן מופתים און וואונדער געשען.

איך צייל מיינע יאָר גאַנץ פשוט,
איינס און איינס און איינס.
איך גיי מיין שריט פאַמעלעך.
דער שטילער וועג איז מיינס.

איך האַלט מיין יאָר ביי דער האַנט,
און ער גייט מיר ביי דער זייט.
איך וויל זיך ניט יאָגן גיכער.
איך גיי אַזוי ווי ער גייט.

איינס און איינס און איינס —
איך האָב יאָרן איצט זיבעציק פיר,
יאָרן וואָס גייען זיך שטיל
זייער שטילן וועג מיט מיר.





## שמאַלצאַווניקעס (דערציילונג)

אין אַ שפּעטן טריבן האַרבסטיקן אָוונד אויף דער כמעט פוסטער לעשנאָ גאַס אין וואַרשע זענען צוויי אויסגעריבענע לעדערנע קורטקעס אָנגעטאָענע יונגעלייט נאָכגעגאַנגען אַ הויכן אויסגעגלייכטן פיין געקליידעטן מאַן.

— זע, קאַזיק — האָט געזאָגט דער העכערער פון די צוויי — אַ זשידיק.

דער נאָכגעפאָלגטער האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער זיך ניט אומגעקוקט. דאָס איז געווען דער גימנאַזיע לערער פון דער פּוילישער שפּראַך און ליטעראַטור, הער יאַן סטאַניסלאַוו זאַוואַדסקי. ער איז אָנגעקומען אין אַ פּראָווינץ שטאָט הינטער וואַרשע פון די מזרח קרעסן נאָכדעם ווי זיי זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די רוסן און אינעם נייעם וווין אָרט ממשיך געווען זיין פּעדאַגאָגישע טעטיקייט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. זיין הויכע גלייכע פיגור, די פּריצישע וואָנצעס און זיין טיף פּוילישע אויסשפּראַך מיטן קרעסאַווען אַקצענט האָבן דערווייטערט פון אים יעדן חשד. זיין לאַנגע, עטוואָס אויסגעבויגענע נאָז און דער אומעט וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אָבער ניט געקאָנט אנטרינען דער אויפמערקזאַמקייט פון געניטע שמאַלצאַווניקעס.

אָט דער אומעט — דער אומעט פון אַ פאַרפאָלגטן — איז געווען דאָס איינציקע געמיינזאַמע געפיל צווישן הער זאַוואַדזסקי׳ן און דאָס פאָלק זיין אָפּשטאַם: אַלס אַן אַליין געלויטערטער האָט ער געהאַט מיטלייד מיט די פון געטאָ. אויסער דעם האָט ער דאָס פאָלק פאַראַכטעט און געהאַסט, געהאַסט פאַר זיין געשטעמפּלט מיט אַן אייביקער צוגעהעריקייט צו אים. דאָס איז געווען דער לעצטער באַוויז פון זונישער ליבשאַפט און כבוד מצד זאַוואַדסקי׳ס פאָטער צום קראַנקען זקן, וועלכער האָט דאָס מלה זיין פון דעם ניי געבאָרענעם געשטעלט אַלס אַ באַדינג צו קאָנען רויק פאַרלאָזן די וועלט. א, דאָס האָט לחלוטין ניט געשטערט דעם נאָכגיביקן אַדוואָקאַט זאַנגוויל־זאַוואַדסקי אָנצוגיין מיט זיין אַסימילאַציע, פּונקט ווי ס׳האָט ניט געשטערט שפּעטער דעם בעל־דבר אַליין פון שמדן זיך. אָבער איצט, נאָך היטלער׳ס אינוואַזיע, האָט ער יעדן טאָג פון דאָס ניי ווייטאַקדיק געוועקט זיין באַוווסטזיין: איך בין געשטעמפּלט.

דער העכערער פון די פאַרפאָלגער האָט אַרויפגעלייגט די האַנד אויפן פאַרפאָלגטנס אַקסל: — היי, מאַך זיך ניט געפּיגרט. אָדער אפשר ביזטו טויב?

דער ברוטאַלער אָנריר פון אַ גראָבן יונג האָט אויפגעטרייסלט דעם גימנאַזיע לערער. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט.

— איר! ווי וואַגט איר?!

— וואָס? מיט האָבן אפשר אַ טעות?

— אוודאי האָט איר אַ טעות. און די מינוט אָפּהעקלען זיך!

— באַלד, באַלד, ניט אַזוי שאַרף. ביטע מיט אונדז אין געסטאַפּאָ און דאָרט וועלן מיר זיך פֿאַנאַנדערקלייבן.

— און איר האָט גאָרניט מורא — האָט זאַוואַדזקי פֿיל דייטנדיק אַ פֿרעג געטאָן — פֿון שלעפּן אַ פּאָלאַק אין געסטאַפּאָ?

— שאַ, — רופֿט זיך אָן דער נידעריקערער — צו וואָס זיך אַמפּערן? קומט מיט אונדז אַריין אין אַ טויער און דאָרט וועלן מיר אייך, במחילה, אונטערזוכן.

זאַוואַדזקי האָט זיי שאַרף אָנגעקוקט, ניט דעצידירט וואָס צו זאָגן.

— איינס פֿון די דריי — האָט דער העכערער רעזומירט די סיטואַציע: — אָדער אין טויער, אָדער אין געסטאַפּאָ, אָדער . . . געלד. איר פֿאַרשטייט (ער האָט אויף יעדן פֿאַל אויפֿגעהערט אים דוצן): געלד דאַרף מען האָבן און אַ סאַך: געלד צום לעבן, געלד אויף בראָנפֿן, געלד אויף קאָרטן און געלד אויף זונות. היינט וויל איך שלאָפֿן מיט עווקען. אוי, זי וועט דאָך אָן אַ היבשע פּויטיקע ניט געבן!

זאַוואַדזקי האָט דערווייל באַוויזן זיך באַרעכענען. ער האָט אָנגעוויזן דעם אַנטקעגנאיבערדיקן טויער: קומט!

זיין אויסרעכענונג איז געווען אַ פּשוטע: ערשטנס האָט ער ניט געהאַט וואָס אָנצוווערן; צווייטנס האָט ער אויסגעשטעלט אויפֿן קאַרגן עלעקטרישן אָקופּאַציע לעמפּל אין טויער; דריטנס האָט ער געהאָפֿט, אַז זיין דרייסטקייט וועט אָפּנעמען ביי די שמאַלצאָווניקעס דעם חשק צו אַ צו גרינדלעכער „אונטערזוכונג“. און אַזוי איז געשען. זיין דערנידערונג, שרעק און שנאה האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין געפֿיל פֿון ברוזיענדן כּעס. ער האָט געריסן פֿון זיך דאָס אָנטועכץ. — נאַט אייך — האָט ער געשריגן — קוקט, איר פֿאַרפֿלעקער פֿון פּוילן׳ס נאָמען!

די האָזן, פּריטשמיעליטע פֿון זיין חמת־זעם, איבערצייגטע אין זייער טעות, קוים געוואָרפֿן אַ בליק. — נו גוט — זאָגט דער נידעריקער — מיר האָבן זיך טוע געווען. ענטשולדיגט.

דאָ אָבער איז געשען עפּעס אוימדערוואַרטס. דעם פּלוצלינג באַפֿרייטן לערער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיינע פֿאַרפֿאָלגער האָבן אים נאָר אויס־געפּרוווט. צי וואָלט דען אַן עכטער פּאָלאַק באַגנוגנט זיך מיטן עצם פֿאַקט פֿון לאָזן אים צו רו און ניט פּראָטעסטירט קעגן דער געליטענער דערנידערונג? אין אַ צושטאַנד פֿון דויערנדער אויפֿרעגונג געמישט מיט אַ נייעם צופֿלוס פֿון שרעק, אַז די לומפּעס וועלן זיך אומקערן צו אים וויבאַלד ער וועט בלייבן פּאַסיוו, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי.

— שטייט! — האָט ער געשריגן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. — און ווער האָט עס אייך באַפֿולמעכטיקט אָפּצושטעלן מענטשן אויף דער גאַס און שלעפּן זיי אין טויער אויף אונטערזוכונגען? אייערע דאָקומענטן! וואַרט, איך וויל אייך אָנלערנען.



— יאָ, מיר זענען באַפֿולמעכטיקט; מיר אַרבעטן פֿאַר דער גראַנאַטענער פּאָליציי. מיר גייען טאַקע דאָרט. קומט מיט אונדז, וועט איר באַקומען אַ באַשטעטיקונג.

אויף דעם האָט ער זיך ניט גערעכט. ער איז געשטאַנען אין פֿאַרלעגנהייט ווי אין אַ הינערפֿלעט. דאָס שטילשווייגן האָט שוין געדויערט צו לאַנג.

— אַלזאָ, איר גייט? פֿאַר דער פּוילישער פּאָליציי האָט דאָך אַ פּאָלאַק ניט וואָס מורא צו האָבן? וואָס ציטערט איר אַזוי? וואָס זענט איר אַזוי בלאַס?

— און אפֿשר האָבן מיר אים ניט געגנוי באַטראַכט? — האָט צוגעוואָרפֿן דער צווייטער מיט אויפֿגעוועקטן חשד.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — כאַפּט אייך דער רוח! — ער האָט אָבער אַליין געפֿילט ווי ניט־איבערצייגנד דאָס האָט געקלונגען. ער האָט געפּרוווט זיך דערווייטערן, מ׳האָט אים אָבער פֿאַרהאַלטן.

— אָדער צוריק אין טויער, אָדער אין דער פּאָליציי, אָדער . . . אַלץ איז קלאָר.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— קאַזיק, דו הערסט? היינט שלאָף איך מיט עווקען. זשידקו! גיב אַהער . . . אַלץ וואָס דו האָסט. און ווי איז צו דיין קאָפּ, אויב דו האָסט ניט.

ער האָט אָן אַ וואָרט אַרויסגענומען דעם טייסטער און אים איבערגע־געבן.

— דאָס איז איינס — זאָגט דער לומפּ. — און פֿאַר דיין חוצפּה וועסטו באַצאָלן מיט נאָך עפּעס, אויסער געלד. — ער האָט אויפֿגעהויבן די האַנט.

— לאָזט מיך . . . כ׳האָב אייך אַלץ אַוועקגעגעבן. לאָזט מיך גיין.

— גיי . . .

ער האָט זיך אויסגעדרייט אָבער איידער ער האָט געמאַכט דעם ערשטן טריט, האָט ער דערפֿילט, איינעם נאָכן אַנדערן, צוויי קרעפֿטיקע פֿוסשטויסן אין אונטערשטן טייל פֿון קערפּער.

ער איז אַוועק — אַ פֿאַרשפּילטער, דערנידעריקטער, באַרויבטער. „כ׳בין אַ זשידעק“, האָט ער געטראַכט. אָבער דאָן האָט זיך אָפּגערופֿן אין דער טיפֿעניש פֿון זיין איך אַ פֿאַרבאָרגענער שטאָלץ, וועלכער האָט גערעדט איצט, אין אַ מינוט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, זיך אויפֿגעוועקט פֿון לעטאַרג.

— ניין — האָט ער אויסגערופֿן שטום אין זיין פּנימיות. — ניט קיין זשידעק. ניין! כ׳בין אַ ייד!

---

## מדינת ישראל ברייטערט אויס אירע איינגלידערונגס-מעגלעכקייטן

אין יאָר 1969 וועלן געעפֿנט ווערן פֿינף נייע איינגלידערונגס־צענטערן אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון לאַנד פֿאַר עולים פֿון די פֿרייע פּראָפֿעסיעס. אַזוי מעלדעט די יידישע אַגענץ אין לאָנדאָן.

עלא זילבערג

## פאַרוויאַנעטע בלעטער

פאַרוויאַנעטע בלעטער,
ווי צעקאַרטשעטע זקנים,
געיאָגט, צעקאַליעטשעט,
ניט געאַכטעט פון קיינעם,
ווי איך איז פאַרגעסן
אייער צאַרטע קאָלירן,
וועלכע פלעגן אין זומער
די ביימער באַצירן.

פון רעגנס געוואַשן,
פון האגל געשלאָגן,
אין אַלע פיר וועלטן
פון ווינטן פאַרטראָגן.
צי קימערט כאָטש איינעם
אַ בליק אייך צו שענקען,
די הערלעכע פאַרבן,
אייער פראַכט צו געדענקען?

ווי איר זייט געוועזן,
איז לאַנג שוין פאַרגעסן.
היינט ווילן אפילו
אייך די ווערעם ניט פרעסן!

י. ח. בענקוויטש

## רפאל מאזין (פון דער סעריע ווייטשעפּעלער טיפּן)

אַ שיינער ייד, אַ ליבער ייד איז ער געווען, שטענדיק מיט אַ ליבן שמייכל אויפן פּנים.

דורך אַ צופאַל האָב איך זיך באַקאַנט מיט מאַזינען. עטלעכע יאָר איידער איך בין געקומען קיין לאָנדאָן האָב איך געוואוינט אין אַ שטאָט, קלינצי. איך ווייס נישט גענוי וויפיל יידן האָבן דאָרט געוואוינט, אָבער איך געדענק, אַז דאָרט זענען געווען פאַרשיידענע יידן: זער פרומע, מאָדערנע, און אויך אינטעליגענטע יידן. איך האָב דאָרט געהאט אַ חבר, חיים־אשר, דעם רבינס אַן איניקל. ער איז דעמאָלט געווען זעכצן יאָר, דריי יאָר עלטער פון מיר. דער חבר פלעגט מיר אָפט דערקלערן זאַכן, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען. איינמאָל האָט ער צו מיר אַ זאָג געטון, אַז אויב מען וויל וויסן וואָס עס הייסט ליבע זאָל מען לייענען „דעם שוואַרצן יונגנמאַנטשיק“. דער נאָמען פון אָט דעם בוך איז מיר פאַרבליבן אין זכרון.

דריי יאָר שפּעטער בין איך שוין געווען אין לאָנדאָן, און איינמאָל, שפּאַצירנדיק איבער אָלד־מאָנטאַגיו סטריט האָב איך באַמערקט אַ יידישע בוכהאַנדלונג. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטער צו באַטראַכטן די דאָרט אויסגעשטעלטע ביכער, און דאָס האָט מיך דערמאַנט אין יעקב דינענזאָנס „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק“. עס איז נישט געווען צו זען אָט דאָס בוך אין פענסטער. אָבער אַריינצוגיין און זיך נאָכצופרעגן דערוועגן האָב איך מיך געשעמט. נאָר ווען קיינער איז אין געשעפט נישט געווען, אַחוץ אַ יונג, שיין מיידל, האָב איך באַשלאָסן אין אַריינצוגיין. אָבער



אַנשטאָט דעם מיידל האָב איך דאָרט גאָר געטראָפן אַ שיינעם ייד, אַ הדרת־פּנים מיט אַ שיינער, בלאָנדער באָרד.

דער ייד האָט מיך אַ פרעג געטון וואָס איך פאַרלאַנג. דאָס האָט מיך אַריינגעבערנגט אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל מיין כוונה איז דאָך געווען צו רעדן מיטן מיידל, נישט מיט אים. נאָר אַזויווי איך האָב דאָך נישט געקענט גלאַט אַזוי אַרויסלויפן פון דער בוכהאַנדלונג, האָב איך שטאַמלענדיק אים געענטפערט, אַז איך וויל באָרגן „דעם שוואַרצן יונגנמאַנטשיק“ צום לייענען. ער האָט מיר גלייך דערלאַנגט דאָס בוך, פאַר וועלכן איך האָב אים אַנידערגעלייגט אַ שילינג דעפּאָזיט מיט אַ פּעני פאַרן איבערלייענען. ווי אָבער איך האָב אים אָנגעגעבן מיין נאָמען און אַדרעס, גיט ער מיר צוריק דעם שילינג און זאָגט, „איר זענט דאָך ר׳ יעקב יוסף׳ס זון. קענט איר ביי מיר נעמען וויפיל ביכער איר ווילט נאָר צום לייענען אָן דעפּאָזיט“!

ער איז געוואָרן נאָך פריינטלעכער, האָט מיך אויסגעפרעגט ווילאַנג איך בין שוין דאָ אין לאַנד. האָט מיך מקרב געווען, געוויזן זיין זונס — יעקב (יאַנקל) — שיינע אַרבעט: שרייבעריי אויף די ווענט, ווו עס איז נאָר געווען אַ ליידיקער פלאַץ איז ער געווען באַשריבן אין יאַנקלס האַנטשריפט. ער האָט מיך אויך געגעבן זיין קאַטאַלאָג, און איך האָב זיך ממש פאַרליבט אין אָט דעם שיינעם, ליבן ייד.

— שעמט זיך נישט, קוקט זיך אַרום אויף די ביכער. עפנט זיי, קוקט אַריין — האָט ער געזאָגט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביידע זין זיינע האָבן געלערנט ביי מיין פאָטער אין חדר.

— קומט צו מיר אַריין ווען איר האָט צייט — האָט ער מיך פריינטלעך דערמוטיקט!

אָט אַזוי איז צושטאַנד געקומען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ר. מאַזין. זיין געשעפט איז דעמאָלט געווען אויף אָלד־מאָנטאַגיו סטריט, נומער 100, קליין און ענג, נאָר אָנגעשטאָפּט מיט ביכער און ספרים. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען אויפגעבויט נייע הייזער מיט געוועלבער אַנטקייגנאיבער בלעק ליין יאַרד, האָט ער זיך אַהין אַריבערגעצויגן. איך פלעג קומען צו אים ווען איך האָב נאָר געהאט אַ געלעגנהייט זיך דאָרט טרעפן מיט וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכע איך האָב זער גערן געהאט. איניקע האָב איך שוין געקענט פון פריער און פאַר איניקע האָט מאַזין מיך פאָרגעשטעלט, לויבנדיק מיך און אויסדריקנדיק זיין האָפנונג, אַז איך וועל נאָך אַסך אויפטון פאַר יידן. צום באַדויערן האָט דער גורל אַנדערש געפירט.

אַמאָל בעת אַ באַזוך האָב איך אים געטראָפן ליגן קראַנק אין בעט, און בשעת איך בין אַזוי געזעסן ביי אים אין שלאָפצימער, איז אַריינגעקומען דער קאַמיניצער מגיד. נאַטירלעך האָב איך מיך אַביסל אָפּגערוקט, כדי צו מאַכן אָרט פאַרן מגיד. האָב מיך צוגעהערט ווי ער זאָגט מאַזינען, אַז אויב ער וועט נישט מער אַריינעמען אַ געוויסע אַמעריקאַנישע אַנאַרכיסטישע צייטונג

וועט ער זיכער האָבן אַ רפואה שלימה!

זאָל ער מיר דאָרט מוחל זיין דער קאַמעניצער מגיד, וואָס איז געווען זער אַ גוטער רעדנער. אָבער מיר, ציונים, האָבן בשום אופן נישט געקענט פאַרגעבן זיין קעגנערשאַפט צום ציוניזם.

אין דער בוכהאַנדלונג ביי ר. מאַזין פלעג איך אויך טרעפן ראַבינאָוויטשן, דעמאָלט אַ דרוקער און אַ גרויסער ייִדישער פירער, אַן איש כשר, גרינדער פונם אָרדן „עינשענט מאַקאַביענס". ער איז שוין געווען אַ נאָנטער פריינט מיינער, און דורך אים האָב מיך באַקאַנט מיטן חכם משה גאַסטער און מיט הערבערט בענטוויטש. אַלע האָבן זיי אויסגעדריקט זייער האָפנונג וואָס איך וועל מסתמא אויפטון.

דאָ איז געווען דאָס ערשטע אָרט, וואו איך האָב עפּעס געלערנט. דאָ האָב איך אויך געהאָלפן פּאַקן ביכער, צייטונגען לאָנדאָנער און אַמעריקאַנער ווי „דעם עקספּרעס", „טעלעפאָן" און „דעם פאָלקס־אַדוואָקאַט" און שפּעטער „דעם פאָרווערטס"; די צוויי לעצטע פון אַמעריקע. אויך מוז מען דערמאָנען „דעם יוד" פון קראָקע, „די וועלט" פון רוסלאַנד, צעדערבוימס „המליץ", סאָקאָלאָווס „הצפירה", בריינינס „הצופה" און שפּעטער פרישמאַנס „דור".

עס איז מיר געווען דערלויבט אַלץ אַדורכבלעטערן.

פון אַמעריקע פלעגן דעמאָלט קומען כלערליי ביכער, פשוט אַ פאַרפלייצונג פון איבערזעצונגען פון רוסיש, שפּאַניש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן. עס איז שוין נישט געבליבן קיין צייט אַריינצוקוקן אין אַ גמרא אָדער אין תנ"ך. איך האָב מיך געהאלטן נאָר ביי יידישע ביכער ביז איינמאָל האָט מאַזין צו מיר געזאָגט, — איר קענט דאָך העברעאיש, פאַרוואָסזשע לעזט איר נישט קיין העברעאיש? — און האָט מיר דערלאַנגט „אהבת ציון", „הריסת ביתר", „אשמת שומרון", „עיט צבוע" פון אברהם מאפו.

אין יענע צייטן פלעג איך אַרבעטן אַרום זיבעציק שעה אַ וואָך. פלעג איך לייענען גאַנצע נעכט. שבת פלעג איך נישט וועלן אַרויסגיין אויף דער גאַס, נאָר לייענען.

אַביסל שפּעטער האָט מאַזין זיך אַריבערגעצויגן אויף אַ גרעסערער געביידע אין ווייטשעפּל רויד. אויף אַ שילד איבער אַ גרויס פענסטער ביי אים איז געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע, שיינע אותיות אויף ענגליש, יידיש און העברעאיש וואָס דאָס געשעפט האָט צו פאַרקויפן. עס איז געווען די אַרבעט פון זיין זון יאַנקל.

ווען איך האָב חתונה געהאט, איינִיקע יאָר שפּעטער, איז מאַזין מיט זיין פרוי און קינדער געקומען צו מיר אויף דער חתונה. עד־היום האָב איך נאָך די מתנה, וואָס ער האָט מיר צו דער געלעגנהייט געשענקט און זי איז ביי מיר טייער געשעצט. דערנאָך האָב איך זיך אַוועקגעצויגן פון דער איסט־ענד און שוין זעלטן געהאט אַ געלעגנהייט צו זיין ביי מאַזינען אין דער בוכהאַנדלונג. דער זון זיינער, יעקב, האָט אויך חתונה געהאט און אַרויס פון דעם מסחר, נאָר יאָרן שפּעטער האָט ער אַליין זיך געעפנט אַ



בית־מסחר ספרים אין בערוויק סטריט. ליידער איז ער פלוצלינג געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק דאָס געשעפט דער פרוי זיינער און דעם איידעם אָנצופירן.

די בוכהאַנדלונג אין ווייטשעפּל האָט געליטן פון די באָמבעס בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. רפאל מאַזין אַליין איז אויך אַוועק אויפן עולם האמת, און יצחק מאַזין, אַ צווייטער זון, האָט אין משך פון יאָרן געזוכט ווייטער צו פירן דאָס געשעפט. אויך ער איז שוין אויף יענער וועלט. געבליבן איז בלויז אַ טאָכטער, וועלכע איז נישט געווען ביכולת מיר אָנצוגעבן גענוי ווען איר פאָטער איז נפטר געוואָרן.

חבל על דאבדין ולא משתכחין! אַוועק זענען יענע יידן, יענע טיפּן, וועלכע וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן.

דוד אָפּאַלאָוו

## אוונטיקע שעה

מילדע, אָוונטדיקע שעה,
ווידער ביסטו מיט אונז דאָ.
יעדער שאָטן — זיידן צאַרט,
ווי געזאַנגען פון מאָצאַרט.

די לבנה — שיין און בלייך
איז אַ צירונג אין דער הייך.
אין לאַמטערן־בלאַסן שיין
ווערט פאַרגרינגערט צער און פּיין.

יעדע גאַס אונז רופט און רופט
ווי פון בלומען דינער דופט.

א. נ. שטענצל

## (המשך) אראָפּ פונם יאריד...

5

ראָג מינץ־גרענאַדיר שטראַסע זענען מיר אַריין אין אַ נאַכט־לאָקאַל, אַ מין קנייפּע־„קאַשעמע", פול מיט זויערלעך־בייסיקן רויך און מגואלדיקן ריח פון ביליקע גאַסן־פרויען, וואָס זענען כסדר אַרויס און אַריין מיט זייערע אָפּגעפּערטיקטע און פרישע „קונים"; זייערע פּאָנצן, ביי די מיט ביר־קופלעס פון אָנגעשטעלטע טישלעך, אויף די אויסגעדרייטע בענקלעך, ריטשענדיק צווישן זייערע קני, די שאַרפע מאַרדעס, שראַמען צעשניטענע, אויף זיי אנלענען, האָבן זיי גנביש צוגעוואונקען מיט פלינק־פאַרמאַכטע אייגעלעך און האָבן רוישיק געטרונקען און געדריכערט.

מיר האָבן זיך געזעצט ביי אַ ווינקלדיק־ליידיק טישל. אַ סאַרווערין איז צוגעקומען און באַלד מיטגעבראַכט צוויי קופלעס וואַסערדיק ביר.

נאָך איידער דעם ערשטן זופּ געטון, האָט אַשמיל שוין אָנגעהויבן צו ריידן; ס'האָט אויסגעזען ווי די סאַרווערין וואָלט געווען איבערגעהאַקט אונזער געפירטן שמועס מיט איר צוקומען און איצט, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען, הייבט ער ווייטער אָן דאָס איבערגעריסענע.

„. . . איך האָב מיך עקסטרע אַמאָל געהאַט אַריינגעכאַפּט צו אַזאַ מין לעקציע פון דעם ‚באַרימטן פילאָזאָף, דעם נביא פון אונזער צייט', ווי מען טיטולירט אים. — עס איז פאַר מיר געשטאַנען אַן אָנגעגעסענער קאַזיאָל, וואָס איז מעלה־גירה מיט אַזאַ הנאה, אַז די סלינע רינט אים פון ביידע זייטן באָרד. ס'איז מיר ממש אַ ברעכן אָנגעגאַנגען פאַר דעם סענטימענטאַל־יהודישן קוואַזי־וויסנשאַפט! מיין מאַרקסיסטישע קינדער־קראַנקהייט בין איך שוין איבערגעקומען — אָבער אַ שטיקל עסטעטיש געפיל מוז דאָס דאָך אַ מענטש האָבן: לעבעדיקע צאַפּלדיקע פסוקים אַזוי צו צעגריזשען.

„און מיינט איר ער איז איינער? אַ גאַנצע שולע שוין געוואָרן. איר קאָנט עס הערן נאָכקרייען פון יעדן פרעדיקער פון קאַנצל און פון יעדן מיסיאָנער אויפן ראָג. גלויבט מיר, אויב דאָס איז רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, וועל איך בעסער אַריינגיין אין 36 אין בית־מדרשל אין דער גרענאַדיר־סטראַסע און מיך צוריקאַנידערזעצן ביי דער צעשליסענער גמרא.

„אַלע עבודה־זרות האָב איך שוין געדינט: געשריבן קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס, קאָרעגירט מיסיאָנערישע ליפלעטלעך, אפילו לידער שוין געשריבן אין זשאַרגאָן און אין העברעאיש.

„ענדיקנדיק דעם רבנים־סעמינאַר אין וואַרשע — ד"ר פּאָזנאַנסקי איז דאָך קייגן די ברואימלעך אַ גאון! — האָב איך געוואַנדערט אין קראַקע פון איין פאַקולטעט צו דער אַנדערער. אין דער באָלשעוויסטישער מלחמה — ווען זיי זענען געשטאַנען ביי וואַרשע! — בין איך געווען אין אַ משוגעים־הויז, ווייל כ'האָב דעזערטירט, מיט אַ קונץ נישט געשטעלט צו ווערן ביים ווענטל. נאָכן קריג בין איך אַריבער די גרענעץ, און זייט דעמלט שלעפּ איך מיט מיין פאַרפאַסטער העברעאישער גראַמאַטיק אויף פויליש. איך טראָג אים, דעם כתב־יד, זייט דעמלט, מיך שוואַרצנדיק די גרענעץ, אויף מיין נאַקעט לייב. ווי איר זעט, בין איך אַ פאַרפאַסער!"

ער איז שטיל געוואָרן — ווי אַ שטראָם, וואָס שטעלט זיך אָפּ ביי פאַרמאַכטע סטאַווידלעס, — זיך טאַפּנדיק ביים לייב, מסתם דאָרט וואו דער מאַנוסקריפּט איז געלעגן.

און אפשר בין איך טאַקע משוגע און עס איז גאָר נישט „געמאַכט" געווען דעמלט" . . . האָט ער ווי רעזיגנירט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַ מין רוגזה אָנגעהויבן צו טרינקען דאָס וואַסערדיקע ביר. דעם קופּעל שטיין לאָזנדיק אויפן טיש, האָט ער דעם קאָפּ אַלץ מער אַראָפּגעבויגן.

איך האָב געהאַט צייט אים צו באַטראַכטן אַזוי אין זיין שטייפגעוואָרענער, איינגעקאָרטשעטער האַלטונג. איך האָב אָנגעהויבן צו טרינקען פּאַמעלעך, כדי לענגער צו קאָנען טראַכטן. ער האָט דערפילט, אַפּנים, מיין בליק און שנעל אויפגעהויבן דעם קאָפּ. איך האָב מיינעם שנעל אויסגעדרייט צו דעם אָנגערויכערטן זאַאַל. אַלע פּנימער אין דעם גרעלן, פאַררויכערטן ליכט, האָבן פייערלעך אויסגעזען — ווי איינגעוויקלטע אין טיולזיידענע שלייערס.



צוזאַם מיטן קאָפּ האָט ער אויך דעם קופּעל פון טיש אויפגעהויבן. זיין פּנים האָט זיך צעשמייכלט ווי ער וואָלט גרויס הנאה געהאַט פון דעם אָפּפרישנדיקן, וואַסערדיקן טרינק אָדער פון אַ געדאַנק, וואָס ער האָט ווייטער געוואָלט נעמען ציען.

„האָב איך אייך נישט פאַרמאַטערט? כ'זע, אַז דאָס שוואַכע געשלעכט אינטערעסירט אייך. מיינט אָבער נישט, אַז זיי זענען טאַקע אַזוי שוואַך. די שוואַכינקסטע דאָ ליגט אַנידער דעם שטאַרקסטן מאַן".

איך לאַך ווי פון אַ געלונגענעם וויץ.

„דאָס איז נישט קיין וואולגאַרן זין געמיינט! איר זעט די שטאַרקע ריזן־יינגען, וואָס זיצן דאָ אַרום. זיי לאָזן זיך אויסהאַלטן פון אָט די מיידלעך, און זיי ליגן אונטער די פּאַנטאָפעלעך, ווייל זיי, די מיידלעך, זענען די פּרנסה־געבערינס. גלויבט מיר, ס'איז אַ פאַך ווי אַלע פאַכן.

די סאַרווערין האָט געזען, אַז אונזערע קופּלעס זענען ליידיק, איז זי גלייך צוגעקומען מיט צוויי פרישע. אַוועקגענומען די ליידיקע און אַוועקגעשטעלט די פולע.

„זעט איר, קיין סך צייט פאַרברענגען דאָ טאָרן מיר טאַקע נישט, ווארום זי האַלט אונז אויפן אויג. וועלן מיר די צוויי אויסטרינקען וועלן באַלד שטיין אַנדערע צוויי" . . .

ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי איינער, וואָס וויל זיך עפּעס גענוי דערוויסן: „איר האָט דאָך נישט וואו צו שלאָפן, ווי איך זע. וועט איר מיט מיר מיטגיין. קיין דעפּאַרטאַמענטן מיט הימל־בעטן האָב איך נישט, אָבער אַז אַ מענטש האָט שוין איניקע נעכט נישט געשלאָפן און אַ פאָר גלעזער ביר אויסגעטרונקען, שלאָפט ער שוין ממילא ווי אַ געהרגעטער וואו דו וועסט אים נישט אַנידערלייגן . . אלא נישט, האָב איך דאָך אייך שוין געזאָגט, גייט מען צום נאָנסטן וואָקזאַל און מ'זעצט זיך צו דער אַרבעט — אַ פּאָעט איז דאָך תמיד אינמיטן דער אַרבעט . . . " האָט ער זיך מיט הנאה צעשמייכלט.

איך האָב אים שאַרף אָנגעקוקט. דער מענטש איז מיר געפעלן. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט די פולע קופּלעס ביר, אַזוי צו זאָגן, געטרונקען ברודערשאַפט און אויסגעטרונקען דאָס וואַסערדיקע געטראַנק אין איין צוג.

מיר האָבן נישט געהאַט ווייט צו גיין, אָבער אויף דעם קורצן וועג האָט ער נאָך געהאַט צייט מיר צו דערציילן: ער לעבט פון דריי לעקציעס און דאָס גיט אים זיין גאַנצע פּרנסה. איך וועל מיך שוין איבערצייגן, אַז ס'איז גענוג. ווי זאָגט עס זיך דאָרט אין דער משנה: „פת במלח תאכל ועל הארץ תישן".

מיר זענען געבליבן שטיין פאַר אַ הויז אין דער דראַגונער־שטראַסע אָדער אַ גאַס ווייטער. אַלנפאַלס, נישט ווייט פון דער מולאַק־גאַס.

„מיטן רעכטן פוס!" מיר זענען אַריין אין אַ פינסטערן, שמאָלן קאָרידאָר, אַ ווילגאַטשענעם, אַן עיפּושדיקן. פירנדיק מיך ביי דער האַנט, זענען מיר

צוגעקומען צו האָלצענע שטיגן. מיר האָבן גענומען פּאַרזיכטיק און וואָס שטילער זיי ארויפשטייגן. דאָס קרעכצן פון די אַלטע שטיגן איז געווען ווי זיי וואָלטן ווייטער געצויגן זייער ניין מאָס רייד. עס האָט גאָרנישט קיין ענד גענומען. לסוף זענען מיר דאָך אָנגעקומען אויף אַ פינסטערן בוידעם — ממש אַ בוידעם.

איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, פליסטערט ער מיר שטיל צו: „זייט פּאַרזיכטיק, גייט מיט ווייכע טריט. דאָ שלאָפן מענטשן, דערנידעריקטע, כ׳האָב שוין גענומען הערן אַ שנאָרכן, פּאַנפּען פון אַ נאָז, זעגן פון אַ גאָרגל — אַן איינגעהאַלטענעם, שטילן זיפץ.

ער האָט מיך ווידער אָנגענומען ביי דער האַנט: „זעט, דאָרט ביים לופּטשיקל איז אונזער דעפּאַרטאַמענט“ . . . מיר לייכטער צו מאַכן, אַפּנים, האָט ער מיט שטילינקער איראָניע צוגעלייגט:

„לייגט אייך אַנידער אָט־אָ דאָ ווי איר שטייט און פאַלט אַריין אין דעם סימפאָנישן אָרקעסטער, אינם געשנאָרך אָנע ווערטער“ . . .

ער איז געווען כשר גערעכט: לעולם, נאָך אַזעלכע צוויי משונהדיקע שרעקלעכע טעג אויפן דאָרף מיט מיין בלומען־ערד שותף און היינט מיט אים, דעם משונהדיקן פאַרשוין, דעם גאַנצן טאָג דאָס ווילדע אויסטערלישע ריידן, האָב איך געדאַרפט אַנידערפאַלן ווי אַ געהאַרגעטער און אַריינפאַלן נישט נאָר אין אַ פעסטן שלאָף, נאָר ממש אין אַ הינערפּלעט! אָבער עס איז דווקא דאָס פאַרקערטע געשען. איך בין ליגן געבליבן אַ וואכער, אַ פאַרבליפט־צעטומלטער: וואו בין איך דאָ אַריינגעפאַלן? צווישן שדים? . . . צווישן בייזע רוחות אויף אַ בוידעם? . . . וואָס טוט זיך דאָ? אָבער מיינע צעשראָקענע אויגן האָבן זיך באַרואיקט, זיך אָפּגעשטעלט אויפן לופּטשיקל, דורך וועלכן ס׳האָט אַריינגעציטערט אַ פינקלדיקער שטערן —

„כ׳פיל, אַז איר שלאָפט נישט . . . זאָגט זיבן מאָל ,רגזו ואל תחטאו׳ אַהין און צוריק . . . דאָס מיטל איז בדוק ומנוסה“ . . . דאָס פּנים זיינס האָב איך נישט געזען, נאָר אין דעם סאַרקאַסטישן טאָן האָב איך עס מיר געקענט מצייר זיין: „און אויב שטייפע געדאַנקען קיצלען אייך, קאָנט איר זיך דאָ אויסזוכן אייער בעאַטריטשע — אפילו אַ דאַנטע אין גיהנום האָט עס אויך נייטיק! — זיי ליגן דאָס אויסגעלייגט צום אויסוואַל — לועס אָדער גאַנאַקאָקן! דאָס איז שוין די לעצטע מדריגה פון מענטשלעכער פּראָדוקציע. עקספּלואַטאַציע איז שוין דאָ נישט שייך . . . אויב מ׳וואָלט נאָך פון זיי געקענט אַרויסציען אויף איין קופּעל וואַסערדיק ביר, וואָלטן זיי זיך נאָך געדרייט איצט אַריין און אַרויס אונטן אין דער קנייפּע־„קאַשעמע“. איר שלאָפט? איך האָב אויך געפּראוווט גראַמען אַמאָל „ברויט“ מיט „טויט“, אָבער די מענטשלעכע נויט איז גרעסער פון גרעסטן פּאָעט — אפילו פון דאַנטען. אַ גוטע נאַכט“.

צי ס׳איז געווען עכט, צי געקינסטלט, ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און זיין נאָז האָט זיך גענומען באַטייליקן אין דער סימפאָניע „שנאָרכן אָנע



ווערטער“.

דאָס כסדרדיקע, דאָס ריטמיש־מוזיקאַלישע האָט מיך, אַפּנים, באַרואיקט; דאָס פינקלדיקע שטערנדל, טאַנצנדיק אין לופּטשיקל, האָט אויך זיינס געטון און די וואַנזיניקע וואַכיקייט האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף איר שטייגער: איז דאָס טאַקע שוין דער לעצטער שטאַפּל פון מיין פּראָדוקטיווער ערד־בענקשאַפט, מיין חלום — אין קבוץ מיט א. ד. גאָרדאָן! אָט־אָ דער מסחר־שותפות מיט בלומען־טאָפּ ערד? . . .

און וואָס איז מכוח מיין „אוממיטלבאַרקייט“? דאָ הויך אויפן בוידעם, עס קאָן דאָך שוין העכער נישט גיין . . .

גיט דאָס שטערנדל אַ פינקל אָדער ביי מיר אין מוח: אָז וואָס מיינט דען אייגנטלעך „אוממיטלבאַרקייט“? זיך איינלעבן אין די זאַכן, זיין איינס מיט זיי, פאַרבונדן, פאַרדבקהט, פאַרזויגט, אַ דבקות־טאַנץ גיין מיט זיי — אין דעם סימפאָנישן קאָנצערט „קרעכצן אָנע ווערטער“! אָבער קאָן איך מיך אויפהייבן דערצו? קאָן איך דאָס לעבן אויפהייבן דערצו? ווי הויך כ׳האָב מיך שוין דערהויבן, הויך אויפן בוידעם דאָ אַרויף . . . אפשר גאָר געפינען דאָ אַ שטריק ערגעץ אויף אַ קראַקווע . . . און אַראָפּ פונם מאַרק . . .

שאַרכט עס אַ ראַט, אַ מענטש, איז עס אין מיין מוח? „איר זעט מיר נישט אויס צו האָבן די הערנער צו נעמען די וועלט אויף זיי און זי אַדורכצושאָקלען“ — — —

אַפּנים מיין געדאַנק האָט שוין גענומען פּלאָנטערן, דעם מוח איינשלעפּערן אָבער די אויגן האָבן נאָך אַלץ געזען: דורכן לופּטשיקל האָט זיך גענומען שטופּן אַן אָקס מיט שפּיציקע הערנער . . . איך דערקען אים, דעם קענוזשער קאָפּ, פונם געקאַרבטן שטערן לייכטן אַזעלכע גרויסע רויט־תּאוודיקע תּלמיד־חכם אויגן . . .

ווען האָב איך דאָס פּנים געזען נעכטן ביינאַכט, היינט אין חלום? — —

איך האָב דאָך געמוזט אַנטשלאָפן ווערן און געשלאָפן טאַקע ווי אַ געהרגעטער, ווארום אַזוי ווי איך בין געלעגן מיטן פּנים צום לופּטשיקל און דאָס בלוי־גאָלדענע שטערנדל האָט מיר אַקייגנגעטאַנצט מיינע ווילד־וואַכע רעיונות, אַזוי האָט אַ ליכטיקע, שפּעט־האַרבסטיקע זון, דורך דעם זעלבן גרוי־פאַרשטויבטן שייבל, אַריינגעשיינט און געגלעט מיר דעם אויסגערוטן שטערן מיט אירע וואַרעמע, ווייכע שטראַלן — כ׳האָב מיך אַפּנים, אין דעם פעסטן שלאָף אויף אַ זייט אפילו נישט אויסגעדרייט און געבליבן ליגן אַזוי ווי געלעגן. און אפשר וואָלט איך נאָך אַזוי געלעגן, ווארום די וואונדערלעכסטע חלומות, וואָס פאַרווילן מיך תמיד אין מיין שלאָף, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן. נאָר אַקייגן מיר איז געזעסן אשמיל אויף זיינע הינטערשטע פיס ווי אַ פאַקיר, וואָס באַשווערט אַ שלאַנג און איך — אַפּנים דערשפּירנדיק זיינע שאַרפע בליקן! — האָב מיינע אויגן אויפגעעפנט.

און זע, פאַר מיינע גרויס־אויפגעריסענע אויגן שטייט טאַקע אַ בלוי־עמאַילירטע קרוג און אַ שלאַנג וויקלט זיך רויכיק אַרויס — דאָס איז געווען

שמעקעדיקער קאַקאַאָ, וואָס האָט קאָכעדיק פון דער קרוג אַרויסגעפּאַרעט.

און ווי נאָר ער האָט דערזעען, אַז מײַנע אויגן עפענען זיך, האָט ער פײַערלעך אָנגעהויבן ווי ער וואָלט זיך געגרייט מיט אַ לאַנגן פּזמון, אָבער גערעדט האָט ער די זאַכלעכע ווערטער:

„איר זעט די צוויי שבתדיקע חלות? פרײַטאָג, דאָס מיינט מיט אַ פיר טאָג פריער, האָבן זיי געקאָסט פיר מאָל אַזויפיל. יעצט קאָסטן זיי אַ שבוש און אַסך געזונטער זענען זיי אין זייער וואָכעדיקן גלגול — ווי פריש־געבאַקענע קוילעטשן האָבן זיי גיכער פאַרקלעפּט די זאַטע קישקעס אײדער געווען אַ זעטנדיקער, געשמאַקער מאכל פאַר אַן אויסגעהונגערט בײַכל. איר זעט, הערר פּאָעט, ווי עס גראַמט זיך? און דער שמעקעדיקער, פריש־אויפגעבריטער קאַקאַאָ, אַ כפּרה פאַר אים די גיפטיקע קאַווע, וואָס צעשרויפט נאָך מער אונזערע שוין גענוג צעשרויפטע נערוון“.

איך האָב נאָך קיין פינטל נישט געטון מיט קיין אויג. איך בין מיר געלעגן מיט בײַדע ארעמס צוקאָפּנס ווי יענער פּרינץ אויף אַן אַרבעס אונטער זיבן איבערבעטן — אַ טשוואָק האָט מיך אָנגעהויבן צו דריקן, אויף וועלכן איך בין, משמעות, אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט . . .

איך האָב נאָך קיין פינטל נישט געטון מיט קיין אויג, אָבער מײַנע אויערן האָבן זיך שוין שאַרפער צוגעהערט צו זײַנע זאַכלעכע רייד:

„איר זעט די חלה איז מײַנע און די אַנדערע איז אײַערע — דאָ אונטער דער קראַקווע איבער אונז וועלן זיי ליגן. כ׳וועל זיי אַרונטערלייגן נאָך דעם ווי מיר וועלן האָבן חלה גענומען און אויפגעגעסן אונזער הייליקע סעודה. די נעכסטע צוויי חלות וועט איר קויפן און דאָס נעמלעכע מיטן פּעקעלע קאַקאַאָ — דאָס איז אונזער קאָמונע! לאָמיר מאַכן אַן עקספּערימענט צי זי איז איבערהויפּט מעגלעך. איי די ראַטן דאָ און די מײַז וועלן זיך צוכאַפּן . . . דאָס איז דאָך תמיד אַזוי. אַנדערש איז דאָך בכלל נישט מעגלעך . . . אַפּראָפּאָ: איך זאָל עס נישט פאַרגעסן אײדער איך הייב ווייטער אָן: צו יאַנטלען קענט איר אַרײַנגיין, צו יעדער צײַט וועט ער אײַך אָנגיסן אַ פולע קרוג קאָכעדיק וואַסער. אַ ווױלער היימישער ייִד דער יאַנטל“.

גוט האָט ער געטון, וואָס ער האָט פאַראויס מיר צוגעציילט מײַן חלה. האָב איך מיך גענומען צו דער „הייליקער סעודה“ מיט אַפּעטיט און גרויס הנאה, און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַן אונטערטאָן פון הומאָר ווי אַ טיש־רעדע, ווי אַ רבישע תורה זײַן סאָקראַטעס־שמועס:

„וועגן דער גלײַכער פאַרטיילונג בײַ די סאָוויעטן איז אַ לאַנג לידל צו זינגען — צי אין דער רויט־גליענדיקער רעטאָרט וועט זיך אויסבריען ס׳אמת האָמונקעסל? . . . וואָס איך וויל ריידן איז אינעון־פּאָליטיק, נישט נאָר די פּאָליטיק פון די שיידעמענער — דער גאַנצער ענין איז נאָך אויפן שיידעוועג . . .

„אָבער דו מוסט מיט מיר מיטגיין אינם זאַאַל אַרײַן נישט ווײַט פון



דער מולאַק־גאַס ווען דער אויפלויף איז גרויס, ווען גליאַיקע פויסטן בײַלן זיך און אויגן ברענען און רודאָלף ראָקער שטייט אויף דער בינע ווי אַ קאַוואַל בײַ דער קאַוואַדלע, וואָס שמידט דאָס אײַזן ווען עס גליט נאָך. דריי־פיר שעה קאָן ער אַזוי שטיין און רעדן, אַז פונקען פליען. אָבער אַרויסגעוואָרפענע רייד — עס רעדט זיך גרינגער ווי עס טוט זיך . . .

„דו זעסט, צוויי־דריי גאַסן פון דאָ, אַ פּאָר הײַזער פונדאַנען, פּראַקטיצירט ד״ר גאָלדבערג זײַן ,קאָמונע׳ — אפילו דאָס געשלעכטלעכע צוזאַמענלעבן קאָמוניסטיש, איז אַ שרעק דאָרטן אַדורכצוגיין. די גאַנצע גאַס דאָרט פאַרשמעקט ער מיט זײַנע נאַסע ווינדעלעך . . . און דו מוזט אים אָנקוקן, דעם ד״ר גאָלדבערג, אַ מענטש מיט אַן עסטעטישן־קאָפּ . . .

„נו, גרינדן מיר איצט די קאָמונאַ פון אינדיווידואומען. מיר הייבן אָן קליין, נאָר צוויי! אַ שאַד נאָר וואָס די קרוג האָט נישט קיין צוויי אויערן, וואָלט איך כאָטש געהאַט אײן גוטן צוהערער — דאָ איז נישט „באַדנאָ“ — דאָ איז אויפן בוידעם“! צעלאַכט ער זיך ווי אַ גאַנצע כאָפּטע מיט שדים.

„נו, און ווען וועסטו זיך נעמען צו דער אכילה? איך האָב שוין אַ האַלבע חלה באַלד אַרײַנגעפּיצט. ווייסט, דו הייב אָן צו עסן און איך וועל בשעת מעשה אימפּראָוויזירן אַ ליד, ווערטער פאַרן זיך איצט אין מיר ווי די וואָרקנדיקע טויבן דאָ אונטער די קראָקוועס . . .“

עס האָט זיך געצויגן טעג, וואָכן. כ׳בין שוין מיטגעווען בײַ אַזאַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון רודאָלף ראָקער, שוין געמאַכט אַ באַזוך אין דער ד״ר גאָלדבערג־קאָמונע — ד״ר גאָלדבערג איז געווען אַ „געטעיאַנער“ און שטאַרק געהאַלטן פון פּאָעזיע, און מיר פאַרגעשלאָגן אַ בעט אין דער קאָמונע . . . (אין נאָך־מלחמהדיקן דײַטשלאַנד, אַ מדינה מיט איבער אַ מיליאָן קריגס־וויטוועס, איז אַ וואונדער אַז אפילו אַזאַ סאָציאַליסטישער עקספּערימענט איז געמאַכט געוואָרן? . . .)

דער גאַנצער ענין האָט מיר אָנגעהויבן צו געפעלן! דאָס שלאָפן בײַ די פויערים אין די שטאַלן איז נישט קיין סך בעסער געווען ווי דאָ איצט אויפן בוידעם און איך האָב גאַנצע טעג פאַר מיר: די אָראַניענבורגער־שטראַסע ביבליאָטעק — דירעקט פאַר דער טיר; צום קייזער פרידריך־מוזעאום צוויי־דריי טריט. און פון די שיחות־חולין גאַנצע טעג לערן איך מער ווי פון ביכער; ווײַל לייענען קומט מיר נאָך אַלץ אָן שווער, אַביסל שטומפּיק אויף דער עברי — אויב איך בין אַמאָל געווען געוואוינט צו לערנען איז עס דאָך געווען תורה שבעל־פּה . . .

אין ראָמאַנישן קאַפע זיץ איך איצט נישט, נאָר שבת און זונטאָג, נאָר אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר. פאַר דער „מלינבה“, וואָס איז געווען די דריטע גאַס פון אונזער בוידעם־קאָמונע, האָב איך מיך געמוזט היטן, וואָרום ווער ווייסט וואָס מיט מײַן געוועזענעם שותף איז געוואָרן, צי לעבט ער נאָך בכלל און צי זוכט מען נישט אַרום דעם מערדער־?

אין אײנער אַ נאַכט אָבער איז עס געשעען! אין דער שטילער סימפאָניע

פון „געשנאָרך אָנע ווערטער“ האָט זיך אַריינגעריסן אַ שווערער שטיול־מאַרש פון קרעכצנדיקע שטיגן און אײדער מיר האָבן נאָך קוים צייט געהאַט די אויגן אויסצוריבן, איז דער בוידעם שוין פול געווען מיט די „שופא“־געשרייען: „מאַרש, מאַרש, פלינקער, שנעלער:“ ווי הינער פון דער שלאָף־לייטער זענען מיר געטריבן געוואָרן צו דער „שוואַרצער מאַרי“, אַריינגעיאָגט געוואָרן ווי געכאַפּטע עופות ערב יום־כפור פאַרטאָגס צום כפרה־שלאָגן. אשמיל האָט נאָך צייט געהאַט צו כאַפּן די צוויי האַלבע חלות פון אונטער דער קראַקווע אַפויער און איין האַלבע צו שטופּן מיר אין טאַש אַריין:

„קודם כאַפּ אַריין, זאָלסט נישט שטיין מיט קיין ליידיקן פּופּיק פאַרן ריכטער — דאָס האָט אַסך צו זאָגן . . . “

די צוויי „שופא“־לייט מיט אונז אין דער „שוואַרצער־ מאַרי“, אונז צוויי דערזעענדיק, האָבן גנביש זיך איבערגעוואונקען פונקט אויף אַזאַ אופן, ווי די נאַכטיקע „פאָנצן“ אין דער „קאַשעמע“: אָט די צוויי פייגל זענען עס, מסתם, אויף וועלכע מיר האָבן געטשאַטעט . . . דאָס איבריקע איז דאָך שמייסע, ווענ־ערישע, אַלטע נקבות פאַרן שאריטע־מיסט הויפן! דערזעענדיק ווי מיט עפּעס בולט׳ס שטאַרטשעט אַרויס מיין קעשענע איז איינער פון זיי שנעל צוגעקומען צו מיר: „הענדע האָך“! און אַרויסגעשלעפּט די — האַלבע חלה . . . די קאַטשענדיקע „שוואַרצע מאַרי“ האָט זיך צעהילכט פון געלעכטער.

## אויפן בראַכשטול פון צייטן

1

מיט בלוטיקן בייטש־געפייף איבער קאָפּ,
פון נביאישן חזיון געטריבן?
פלאַקער־שייטער חושך־נעכט באַלייכטן,
פון גאָט דערצו געוואָרן אויסגעקליבן?

אַז וואו נאָר אין אַ לאַנד די פאַרשקלאַפּטע
זיך צו באַפרייען זײַנען אויפגעשטאַנען,
אין זייערע ערשטע, בלוטיקע רייען,
דעם טויט מיט פרייד מיט אַקייגנגעגאַנגען.

איבער גאַנצן גלגל־האַרץ שוין,
די בלוטיקע שליאַדעס פון אונזערע שפּאַנען!
בלויז ווי נאָר די שקלאַפן הערשער ווערן,
ווי הינט אונז געטריבן: „ווייטער פון דאַנען!“

איז ווילאַנג נאָך ווערט עס זיך נאָך ציען
דער „אף־על־פּי שיתמהמה“ ־דויער —
אַז אויף די שיידוועגן תמיד ליגן,
אַ פאַרחלומטער וואָך־הונט אויף דער לויער?



און ווי נאָר עס באַווייזט זיך אַ גייער,
אויפשפּרינגען אַ ווילד־וואָיענדיקער וועכטער,
אַליין נישט וויסנדיק איז עס געוויין
אָדער ווילד־יללהדיק פרייד־געלעכטער.

2

נישט בחינם אָקטאָבער־רעוואָלוציע,
ווי די פראַנצויזישע איז עס נישט געוועזן —
אין דור־דורות אַרום נאָך ווי פון דער באַסטיליע
מ׳וועט דערציילן דערפון און אין ביכער לעזן.

דעם פאַרשקלאַפטן סלאַוו, אין שטיב דערנידריקטן מוזשיק,
איבער זיין קניאַזן־דערדריקער אויפגעהויבן,
און נישט בלויז ניקאָלייקע־פּאַראַזיט פאַרטיליקט —
מענטש אין מענטש דאָך אַמאָל אפשר קאָנען גלויבן!

אַ מענטש, פאַרב אין פנים זאָל שטיין, קנייפּט זיך אין דער באַק —
די פעלקער די גאַנצע ערד מיט בלוט באַשפּריצן!
עס גייט נישט אין די אָלט־צעקנייטשטע באַקן —
די יוגנט וואָס אייביק די אויגן צעבליצן!

וויי צו יענע פעלקער, וואָס פאַרגיסן מענטשלעך בלוט,
זיך באַנוצן דערמיט די באַקן צו פאַרבן,
מ׳קען קינדער, אָבער נישט איינינקלעך איבערלעבן,
און זיי וועלן שניידן און בינדן די גאַרבן.

אַז יידן האָבן אַ האַנט אויך צוגעלייגט דערצו,
ווי אַן אצבע אלוקים — כאָטש בלויז אַ פינגער!
ס׳וועלן דערפון האָבן צו זינגען און צו קלאָגן
אין דור־דורות אַרום נאָך יידישע זינגער.

3

אויב אַ כהרף־עין דער מענטש טראַכט,
אײדער מיט אבר ער טוט אַ ריר,
די נאַטור אײדער זי עפּעס נאָך טוט,
זי פאַרטראַכט עס אַ דור שוין צופריי׳ך —

אויף בראָכשטול פון צייט ס׳האָט אויסגעטראָגן
אַ טראָצקין יידישע מאַמע־טראַכט —
דעם גבור־הגבורים פון זיין דור
צו פאַרטיליקן עמלק־מאַכט

דעם נאַצי־צורר, דעם גוג מגוגן,
אַ באַוואפנטן ביז צו די ציין,
אים גובר זיין, באַצווינגען, באַזיגן,
צומאָל געקענט דער טייוול אַליין ?

ס׳האָט דער מהר״ל אַ גולם געמאַכט,
שם־המפורש אונטער צונג געקלעבט !
אַ צלם־אלוקים פון אונזער צייט
דעם מוזשיק מיט זיין אטעם באַלעבט —

אַ באַראַבאַן איז די ערד געוואָרן,
מוזיק זיין ריטמיש־צעהילכטער טראָט !
אַז נישט דער טייוול באַזיגן די וועלט
און דער מענטש צוריק ווערט אַ האָטענטאָט.

## קליידאסקאפ-לאמטער

1

מיר קענען זיך נישט צעטיילן מיט דער וועלט !
און מיט איין ברויט קענען מיר, מיט איין זעמל ?
קנייטשט זיך מיין שטערן, א קרים־געהויקערטער —
אין מיטן מדבר אַ פארדורשטיקט קעמל.

און מיט זיך אליין צי ווערט מען דען פערטיק ?
כאטש זיך צעפערטלען, צערייסן אויף שטיקער !
דערזע איך מיך ווי אין שפיגל, ווילד־צעבליקט,
אוןביידע מיר וואקלען זיך ווי טויט־שכור.

2

גאָט, אַדאַנק דיר פאַר אַלע חולאתן,
פאַרן טויט — דעם נס פון אַלע נס׳ן !
ווען נישט זיי, חלילה, איינס־ס׳אַנדערע
לעבעדיקערהייט זיך אויפגעגעסן.

אַז נאָך אייביק געלעבט, חלילה,
גאָטעניו, באַשיץ אונז און באַשירעם —
מיר וואָלטן דאָך געראיעט אויף דער ערד,
אַ געקנויל, זיך גריזשענדיקע ווערעם.

3

די פרייד פונם פרוכפערן,
דער גענוס ווערן גענערט,



צי ווערן זיי דען קלענער
ווען איינס מ׳איז שוין מיט דער ערד ?

ווילאַנג ס׳וואָרט זיווגט זיך אין מויל,
זעטיקט עס ס׳פאַרהונגערטע האַרץ ;
אַ קינד נאָך מען איז, אַ שטיל פאַרשפילטס,
באַהאַלטן הינטער מאַמע־שארץ.

4

שווינדלדיק דרייט זיך מיין קאפ — קליידאסקאפ־לאמטער,
אין מיין אויג יעדע רגע אויפגעלאנצטע טרער ;
איז עס פון פרייד ? איז עס פון לייד ? איך ווייס נישט מער,
אזוי מערן זיך מיינע לידער מער און מער —

אן עכא נאך בלויז פון דעם וואס איך זע און כ׳הער !
ס׳ווארט כ׳ביך, דאס בילד כ׳ווער — אבער איך בלויז ווער בין, ווער ?
ס׳קנויטל־צויטל וואָס פאַלט אַראָפּ, צאנקנדיק שווער,
אין נר־תמיד קליידאסקאפ וואס לייכט אנאויפהער.

5

א פארוואלקנטער הימל קוקט אין שויב,
ס׳געטשוויטש פון א פויגל איבערגעהאקט — — —
איז ער פאַרפרוירן אין מיטן זיין ליד ?
און אז איך לעב איז עס טאקע א פאקט ?

ווי טרויריק — צומאל טרויריק איך בין נישט !
ס׳ציט זיך אַ טאָג, אַזוי לאַנגווייליג לאַנג,
ווי האַלבע לבנה אין אַ טבת־נאַכט — — —
האקט זיך שוין טאקע איבער מיין געזאנג ?

6

אין טיפסטן תהום שוין, דאָרטן נאָך,
פערלמוטערן שפילצייג כ׳קלייב —
און פעלט צום שנירל אַ פערל אויס —
ס׳געלעכערט האַרץ אַרויס פון לייב !

איז ס׳וואָרט אָפּגעשטאָרבן אינם מויל,
מ׳פוילט שוין ביים לעבעדיקן לייב.
אויף מיין הויט — געל־געגערבט שטיק פאַרמעט,
סוד־פאַרטונקלט אותיות כ׳שרייב.

7

שוין אַלט געגוג, בלויז פון טאָג צו טאָג,
ווער איך נאָך אַלץ מערער געוואויער
ווי מאוס דאָס שיינע לעבן קאָן זיין —
אַרום נעמט אַ טרויער־באַדויער.

בלויז ווילאַנג די טעג זיך נישט ציען,
מיין האַרץ וועט דאָך פון צער אויפצאַפּלען.
אָנקומען ס׳וועט דער לעצטע טאָג און —
אויף תמיד שוין שליסן מיינע אויג־אַפּלען.

8

דער הימל הויך — נישט צו דערגרייכן
ווען ער איז ריין און לויטער און בלוי;
נידריק, כאָטש נעם, קריך אין אים אַריין,
ווען ער איז מוטנע און טריב און גרוי.

ברויך מען ערשט דאָס משל פאַרטייטשן,
אַז אונזער לעבן איז פונקט אַזוי?
דאָס לויטערע קוים צו דערגרייכן —
אוי, ווי גרוי ס׳קריכט אין מיר — פונקט געגוי.

9

...אויב ווי א קינד מיט „איקס מיקס דריקס״,
מיט שטעלן מיך און מיט אויסמעקן,
כ׳שפּיל מיך נאך מיט מיינע ווערטער,
איז זיך גאר נישטא וואס צו שרעקן —

פילט נאך דאס הארץ און דער מוח טראכט,
די פינגער ריטמיש זיך באוועגן — — —
אז נישט ווי אזוי וואלט אצינד,
ס׳אנגעשריבענע דא געלעגן?

א י י ז י ק  ג אָ ל ד ב ע ר ג

# „ל י ב  ה א ב ן  י ש ר א ל״

אַ יידיש טעאַטער שטיק ווערט זעלטן אויפגעפירט אויף דער טעלעוויזיע, נאָר דעם 25סטן נאָוועמבער האָט מען דאָך געהאט דאָס גליק, אַזוי צו זאָגן, צו זעען אַ יידישע זאַך אין משך פון אַ האַלבער שעה ביי דער בי.בי.סי.2.



דער מחבר פון דער זאַך, לאָרענס קאָלינסאָן, האָט מסתמא געהאט אַ פאַרקערטע כוונה מיטן נאָמען „ליב האָבן ישראל״ . . .

אָנגעהויבן האָט זיך דער שטיק מיט אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס ביי אַ מאָדערנער יידישער משפחה. אָבער לויט ווי די בעל־הביתטע, אַ יונגע פרוי, איז זייער פאַרמעכיעט מיט אַרומלויפן אַהין און אַהער, מיט האַלטן לאַנגע מאָנאָלאָגן וועגן שבת, לאָקשן מיט יויך, געפילטע פיש, חלות, געהאַקטע לעבערלעך און ענלעכע מנהגים ווי זי האָט געזען ביי אירע עלטערן, האָט מען מער דער איינדרוק, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַן אַלט־מאָדישער יידינע; אַ טיפּ, למשל, פון שלום עליכמס „טעפּל״.

היינט איר צערעמאָניע פון ליכט־בענטשן. ביים זעצן זיך צום טיש צינדט זי אָן די ליכט און בשעת מעשה שטעלן זיך אַלע אָנוועזנדיקע אויף און טוען זיך אָן קאַפּלעך בעת זי פאַרדעקט די אויגן מיט די הענט. תיכף ומיד דערנאָך נעמט זי אַוועק די אָנגעצונדענע ליכט און שטעלט זיי ערגעץ־וואו אין ווינקל! . . . מען טוט אויס די קאַפּלעך און מען פראַוועט טיש.

אויף אַ פולמעסיק ברענגט מען אַריין אַ געבראָטענע הון. דער בעל־הבית נעמט זיך אַדורכפירן די צווייטע צערעמאָניע צו צעשניידן דאָס עוף און איינצוטיילן פאַרציעס פלייש פאַר די אָנוועזנדיקע. ער נוצט גרויסע גאָפּל־מעסער.

דאָס אַלץ ווערט נאָר געמאַכט צוליב אַ גאַסט דעם פּראָגרעסיוון סאָם. אַ יוגנט־פריינט פון דער טאָכטער און כדי צו ווייזן ווי ס׳וועט אַ שבת געפראַוועט ביי יידן און אים איז דאָס אַלץ אַזוי פרעמד, אַז ער קוקט אויף דעם אַלטן ווי אַ האָן אין „בני־אדם״ . . .

סוף־כל־סוף קומט דאָס וויכטיקסטע: אַ דיספּוט, וואָס צעפלאַקערט זיך, וועגן ציוניזם, ישראל און גלות.

דער זון פון הויז, מאַרקוס, אַ סטודענט, האָט זיך לעצטנס אומגעקערט פון אַ לענגערן באַזוך אין מדינת־ישראל און איז זער ענטוזיאַסטיש, פול מיט באַוואונדערונג פאַרן יידישן לאַנד. קען זיך ממש נישט אָפּלויבן ווי דאָס לאַנד האָט זיך אויפגעבויט, איבערהויפּט דורך די שארית־הפליטה פון היטלער־חורבן. ער האַלט, אַז דאָס וועלט־יידנטום האָט אויף זיך אַ הייליקן חוב צו שטיצן ישראל מיט וואָס נאָר מעגלעך אָן שום חילוק צי איינער איז אַ ציוניסט צי נישט. דערביי בעט ער ביי גאַסט, סאָם, אַ „פּראָגרעסיווער״ סטודענט, אַז ער זאָל זיך מיט עפּעס באַשטייערן פאַרן קרן־קימת. אָבער דער בחור זאָגט זיך אָפּ דערפון און וויל אפילו די קלענסטע מטבע נישט שפּענדן פאַר דעם צוועק. ער האָט נישט קיין שום פליכטן, טענהט ער, לגבי ישראל און פערזענלעך פילט ער זיך אַלס ייד נאָר דעמאָלט, ווען מען זאָגט אים, אַז ער איז אַ ייד . . . לויט זיין מיינונג דאַרף יעדער ייד זיך פילן פאַרבונדן בלויז מיט דעם לאַנד, וואו ער לעבט.

דער פּראָגרעסיווער סטודענט, וואָס איז אייגנטלעך די הויפּטפיגור פון דער שטיק, פאַרהאַלט זיך קאַלטבלוטיק, רואיק, געלאַסן און רעדט ווי

אַ נישט־יידישער דזשענטלמאַן ! . . .

דאַקעגן דער פּראָ־ציוניסט היצט זיך, ווערט ווילד און נעמט שרייען. און ווען דער „פּראָגרעסיווער" סטודענט זאָגט זיך אָפּ צו געבן אפילו די קלענסטע מטבע פאַר ישראל, מאָטיווירנדיק עס, אַז דאָס איז אונטער זיין כבוד, גיט דער פּראָציוניסט אַ כאַפּ דאָס גרויסער מעסער פון טיש און וויל יענעם דערשטעכן. אַ גליק איז וואָס די אַנוועזנדיקע האַלטן אים צוריק, אָבער ווי אויס אַ געפיל פון נקמה שטעכט ער אַריין דאָס מעסער אין דעם געבראָטענעם הון און אַנטלויפט פון הויז . . .

זעענדיק די זאַך אויפגעפירט, ווערט מען אויפגעשוידערט איבער די מאָטיוון און טענדענצן פונם מחבר. איז ער טאַקע מחויב אַראָפּצונידערן דעם יידישן כבוד און שטאָלץ ? צי וואָלט דען אַן אַנטיסעמיטישער דראַמאַ־טורג עס ערגער געמאַכט ? אָט אַזאַ איינדרוק האָט די זאַך אויף מיר געמאַכט און, ווי איך האָב עס שפּעטער דערפאַרן, אויך אויף אַנדערע מיר באַקאַנטע צושויער.

מען קען נישט זיין קיין אָרטאָדאָקסישער ייד איינצוזעען ווי פאַרקריפּלט דער פרייטאָג־צו־נאַכטס איז אַרויסגעברענגט געוואָרן פאַר דער עפנטלעכ־קייט. עס איז זיכער נישט געווען טראַדיציאָנעל יידיש. גוים וואָלטן דאָך זיך באַמיט צו זיין מער רעאַליסטיש ! און אויך „פּראָגרעסיוו" איז עס נישט געווען. קען עס זיין, אַז דער מחבר אַליין איז קנאַפּ בקי אין ענינים פון יידישקייט ? . . .

צינדט מען יאָ שוין אָן ליכט, דאַרף מען זיי דאָך לאָזן שטיין וואו מען האָט זיי לכתחילה אַוועקגעשטעלט. אפילו ביי וועלטלעכע, פעסטלעכע גע־לעגנהייטן איז מען דאָך זיך אַזוי נוהג ! און וואו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ יידישן בחור זאָל דאָס אַלץ פרעמד זיין.

און איצט דער דיסקוסיע בנוגע מדינת־ישראל, לאָיאַליטעט און ציוניזם. מען מוז זיך דאָך רעכענען מיט אונזער נאָנטן עבר, מיטן נאַצי־גיהנום און די קרעמאַטאָריעס, וואו אַזויפיל פון אונזערע ברידער, שוועסטער און קרובים זענען אומגעקומען בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען געווען יידן. מיליאָנען זענען דאָך אויף אַזאַ אופן אומגעברענגט געוואָרן. —

האָב איך געלעבט אין דייטשלאַנד. קוים געהאַט מזל זיך צו ראַטעווען פונם נאַצי־גיהנום אַפּאָר טעג פאַר דער מלחמה, 1939. אחוץ מיר, זענען אַלע מיינע זעקס ברידער און שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס אומגעקומען אין די קרעמאַטאָריעס בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען געוועזן יידן . . . בין איך דאָך אַ לעבעדיקער עדות, אַז די נאַציס האָבן מיט אַזעלכע פּראָגרעסיווע יידן, ווי סאַם, גאָרנישט אַנדערש געטון ווי מיט אַלע אַנדערע יידן. אפילו ריכ־טיקע נאַציס מיט הויכע ראַנגען, ווען מען האָט ביי זיי אויסגעפונען אַ גע־שמדטע יידישע עלטער־באָבע אָדער זיידע, ביז אין דער פערטער גענעראַציע האָבן געמוזט במחילה אויסטון זייערע מונדירן און זענען פאַרפאָלגט געוואָרן אַלס האַלבע ייד . . .



דעריבער איז עס פאַר אונז אַזוי בולט קלאָר, אַז לאָרענס קאָלינסאָן האָט דאָ געשאַפן פאַר אונז אַ פאַפּירענעם העלד, מחמת נאָר אַזעלכע קאָן עס היינ־טיקע צייטן זיין אַזוי זיכער מיט זיך . . .

געוויס איז עס צו האָפן, אַז אַזעלכע ביטערע איבערלעבונגען פאַר אונזער פאָלק וועלן זיך מער נישט איבערחזרן. נאָר ווער ווייסט ? . . .

וואַרשיינלעך האָבן מיר דאָ טאַקע צו טון מיט אַ יונגן מחבר, אַן אָנ־פאַנגער, וואָס צוליב זיין יוגנטלעכן ענטוזיאַזם קאָן ער נישט באַגרייפן וויאַזוי מען האָט געקאַנט יידן באַהאַנדלען אַזוי שלעכט, איבערהויפּט אין אַזאַ „פּראָ־גרעסיווער" צייט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט !

אפשר דערפאַר קאָן מען עס אים אַביסל מוחל זיין . . .

עלזע לאסקער־שילער

## ירושלים

פון דייטשן אָריגינאַל איבערזעצט,
א. אלמוג

גאָט האָט פון זיין חוט־השדרה געבויט : ארץ־ישראל
פון אַן איינציקן קנאכן : ירושלים.

איך וואַנדל ווי דורך מאוזאלייען —
פאַרשטיינט איז אונזער הייליקע שטאָט.
שטיינער רוען אין די בעטן פון אירע טויטע ימים
שטאָט וואַסער־זיידן אין שפּיל, וואָס קומען און פאַרגייען.

הארט שטארט דער גרונט דעם וואַנדערער אָן —
און ער פאַרזינקט אין שטייפע אירע נעכט.
אַנגסט כאַפּט מיך אָן, וואָס נישט גובר זיין כ׳קאָן.

וואָלסטו דאָך געקומען . . .
אין ליכטיקן אלפן־מאַנטל איינגעהילט —
און דעמער־שעה מיר גענומען פון מיין טאָג —
איינגערעמט דיך וואָלט מיין אָרעם, אַ הילפרייך קדושים־בילד.

ווי אַמאָל אין חשכה פון מיין האַרץ כ׳האָב געליטן —
דעמלט ביידע אויגן דיינע : בלויען וואָלקן.
גענומען מיך זיי האָבן פון טריבן זין מיינעם מיטן.

וואָלסטו דאָך געקומען —
אין לאַנד אַריין פון די אבות —
דו וואָלסט ווי אַ קינד ביי מיר גענומען מאָנען :
ירושלים — צייט שוין אויפצושטייען !

עס גריסן אונז
דעם „איינציקן גאָטס" לעבעדיקע פאָנען,
גרינגענדיקע הענט, וואָס לעבנס־אָטעם זייען.

ש. י. האַרענדאָרף האָט דורכגעמאַכט אַ קראַנקהייט און מיר פרייען זיך הערן אַז ס'איז אים בעסער און ער גייט ווייטער אָן מיט זיין אַרבעט.

ביי דער בונדישער יובל־פייערונג ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס” האָבן זיך צווישן אַנדערע באַטייליקט מאיר באגדאנסקי און משה רעגן.

צום סימפּאָזיום, וואָס קומט פאַר היי־יאָר אין פּאַריז, פליען אָפּ פון לאָנדאָן די חברים: שמואל גאָלדשמידט, יעקב הלוי, יעקב זאָנטאג, מיכאל זילבערבערג, י. א. ליסקי, יוסף לעפּטוויטש, ד״ר יעקב מייטליס, בר־כוכבא נאַראָד, יוסף פרענקל און י. ח. קלינגער.

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און יידישער זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין

איינלאדונג צו אונזער

# לעבעדיקע צייטונג

וואס וועט פארקומען

**זונטיק, דעם 26־טן יאנואר, 1969, פונקט 3 א זייגער**

אין

**21 DEAN STREET, LONDON, W.1**

אונטער דער רעדאקציע פון יוסף פרענקעל

1) יידיש סימפאזיום אין פאריז — יואל צאנג
2) „יידישע דיאלאגן” — י. ח. קלינגער
3) זלמן שניאור — 10־טער יארצייט — יוסף לעפטוויטש
4) דאס נייע יידישע ווערטערבוך — שמואל גאלדשמידט

**זונטיק, דעם 23־טן פעברואַר, 1969, פונקט 3 אַ זייגער**

אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף פרענקעל

1) **מאַקס בראָד ז״ל** — ד״ר מאיר גערטנער.
2) **„לשון און לעבן” — 30 יאָר** — ש. י. הארענדאָרף.
3) **מנחם באריישא - 20־טער יאָרצייט** — א. נ. שטענצל.

איינטריט פריי — קומט אין צייט

TOWER HAMLETS LIBRARIES

282

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 7־446) דרייסיקסטע יאָר פעב־מערץ 1969, לאָנדאָן

א י נ ה אַ ל ט :

ניין אויפגעהאנגענע יידן אין באַגדאַד, „שה פזורה ישראל, שלום, „יהי אור” — — לכבוד פורים. 1
** 
די פּסיכאָפּאַטישע שנאה פון המניזם (עסיי) — יעקב ריכטיגער 8
פאַר שוסטערס און שניידערס אַ ליד — יוסף לעפּטוויטש 11
אויגן־אַפּלען (ליד) — שמואל וההייט 11
מיינע זיבן וואָכן אין געפענגניס, אינטימע באַלאַדע (פּראָזע, פּאָעזיע) א. נ. שטענצל 13
לייב פיינבערג, ע״ה — יוסף לעפּטוויטש 22
אַ פּורים־שפּיגל — ד״ר מאיר גערטנער
יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס
רעדאַקציע נאָטיץ.

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאַגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

שבת דעם 8־טן פעברואַר אַ פאָרטראַג פון ח. נ. בענוויטש.
שבת דעם 15־טן אַ לעקציע פון יעקב ריכטיגער.
שבת דעם 22־סטן פּסח־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור.
שבת דעם 29־סטן — געווידמעט די 54־סטע פּרץ־יאָרצייט.

**מלך ראוויטשן צו זיין 75 יאר ווינטשן מיר נאך א סך גוטע געזונטע יארן — לשון און לעבן.**

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*